STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09712

DER KINSTLER UN DERTSEYLER MENDL MAN [MENDEL MAN]

Hayyim Solomon Kazdan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. ש. קאַזדאַן

●

דער קינסטלער
און דערציילער
מענדל מאַן

ח. ש. קאַזדאַן / דער קינסטלער און דערציילער מענדל מאַן
עסיי / פאַרלאַג „אונדזער קיום״, פאַריז, 1964.

CH. S. KAZDAN

MENDEL MANN ET SON ŒUVRE

ESSAI

Imprimerie Abécé, 21, rue Juliette-Dodu - Paris

ח. ש. קאַזדאַן

דער קינסטלער און דערציילער מענדל מאַן

עסיי

פאַרלאַג אונדזער קיום, פאַריז, תשכ״ה

מיט 25 יאָר צוריק האָט מ ע נ ד ל מ אַ ן דעביוטירט מיט זײַנע לידער אין די „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע. די מלחמה רײַסט איבער זײַן ליטעראַרישע אַקטיווקייט, און ערשט אין 1945, ווען ער קערט זיך אום קיין פּוילן, גיט ער אַרויס אין לאָדזש אַ בוך לידער און באַלאַדעס „די שטילקייט מאָנט".

דאָס איז געווען דאָס ערשטע יידישע בוך וואָס איז נאָכן חורבן אַרויס אין פּוילן. אין די ווײַטערדיקע יאָרן קומען זײַן גרויס־פאָרמאָטיקע מלחמה־טרילאָגיע און אַנדערע ווערק: „בײַ די טויערן פון מאָסקווע" (1956), „בײַ דער ווײַסל" (1958), „דאָס פאַלן פון בערלין" (1960), „נאַכט איבער גלושינאָ" (1957), „אין אַ פּאַרוואָרלאָזטן דאָרף" (1954), „דאָס הויז צווישן דערנער" (1960), „על נהרות פוילן" (1962), „אויפגעוואַכטע ערד" (1953), „די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען" (1958).

מענדל מאַן איז אַ דערשײַנונג אין דער יידישער ליטעראַטור — שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער געהערט צו דער יינגסטער גענעראַציע יידישע שרײַבער, צום נאָך־מלחמהדיקן ליטעראַרישן נאָכוווּקס. מיט זײַן טעמאַטיק און זײַן אופן פון שרײַבן, מיט זײַן קינסטלערישן פאַרנעם און וואַגעניש — טיילט ער זיך שטאַרק אויס אין דער ליטעראַטור פון אונדזער צײַט. ער איז איצט דער אָנערקענטער פּראָזאַאיקער בײַ אונדז.

מענדל מאַנס ווערק זײַנען איבערגעזעצט אין די וויכטיקסטע אייראָפעאישע שפראַכן. זײַנע טאַלאַנטירטע קינסטלערישע שאַפונגען האָבן געווונען אַ גוטן נאָמען אין דער ליטעראַטור פון די קולטורעלע און פרײַע פעלקער. די פראַנצויזישע שרײַבער און ליטעראַטור־קריטיקער האָבן ניט געקאַרגט קיין לויבווערטער און גוטע כאַראַקטעריסטיקעס פאַרן שרײַבער און זײַנע ווערק. צו דערמאָנען דאָ נאָר אַ פאָר געציילטע: זשאָזעף קעסעל האָט געשריבן אַז „געוויסע טיילן פון דער טריאָלאָגיע ווײַזן די גרויסקייט און ווונדערלעכקייט פונעם מחבר". אַנדרע בריסאָ זאָגט אַז „ס'איז אַ בוך פון אַ מעכטיקן אָטעם — לויטן שטייגער פון די גרויסע סלאַווישע קלאַסיקערס". מאַרשאַל אַלפאָנס זשוען זאָגט: „איך שאַץ באַזונדערס דעם דאָזיקן אַקצענט פון מענטשישער ברודערשאַפט וואָס לויפט דורך די זײַטן פונעם בוך". עדגאַר ריישמאַן זאָגט וועגן די דרײַ ביכער פון דער טריאָלאָגיע, אַז זיי זיינען אַלע דורכגעדרונגען מיט „דעמזעלביקן אײדעלן און לויטערן אָטעם, דעם אייגענעם קלאָר־זעעוודיקן גײַסט און מיט דער אייגענער ליבשאַפט צו די מענטשן און צו דער רוסישער ערד". אַנדרע ספיר זאָגט, אַז דער אײַנדרוק פון „דאָזיקן ווונדערלעכן בוך" וועט אין אים „קיין מאָל נישט פאַרגיין... אַ דערשיטערנדיק בוך".

„דאָס גאַנצע בוך איז אַ געזאַנג פון ליבע, אַ הימן געווידמעט דער ערד" שרײַבט דאַניעל מאַיער אין דער צײַטונג „ליבעראַסיאָן".

דער באַקאַנטער פראַנצויזישער ראָמאַניסט און קריטיקער מאַרק סאַפאָרטאַ זאָגט אין „ל'עקספרעס" וועגן מענדל מאַן: „אַ גרויסקייט, וואָס שטעלט אים וואַרשײַנלעך אין דער ריי פון די בעסטע שרײַבער פון דער דאָזיקער צײַט", מאַנעס שפערבער אין זײַן פאָררעדע צו דער

פראַנצויזישער איבערזעצונג פון „פּאַרוואָרלאָזטן דאָרף“ שרייבט: „...דאָס בוך פון מענדל מאַן איז די גרעסטע ישראל דערציילונג וועגן דער באַגעגעניש פון דער ערד מיט מענטשן וואָס זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייער פאַר־גאַנגענהייט און מגולגל געוואָרן אין אַ לאַנד וואָס וויל רעדן אין זייער נאָמען... ער קומט צוריק צו דער אייביקער טעמע וואָס איז פונדאַמענטאַל אין יעטוועדער ליטעראַרישער שאַ־פונג. ער גיסט דאָ האַרמאָניש צונויף צוויי דיסהאַרמאָנירנ־דיקע שטימען, צוזאַמען וועלן זיי אפשר שאַפן אַ נייעם טאָן אין דער יידישער ליטעראַטור, דער ליטעראַטור וואָס איז צוויי מאָל דערמאָרדעט געוואָרן און דאָך לעבט זי ווייטער, אַדאַנק די ווערק פון די גרויסע היינטצייטיקע פּאָעטן און אַדאַנק אַזוינע שאַפונגען ווי „דאָס פּאַרוואָרלאָזטע דאָרף“.

קיין שום ספק ניט, מענדל מאַן איז אַ גרויסער טאַלאַנט. עס איז אַ גליק פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער איז אַרויסגעקומען בשלום פון די טראַגישע מלחמה־און אום־קום־יאָרן. מענדל מאַן פאַרמאָגט אין זיין שאַפונג פאַרנעם. זיין סטיל און זיין שפּראַך זיינען אויסגעהאַלטן, פעסט און זיכער. ער צייכנט זיך אויס מיט אַ ליטעראַרישן אני מאמין, ער פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט און יוגנטלעכן גלויבן. זיין מאָלערישער טאַלאַנט שפּרייט זיך אויס אויף מעכטיקע לייוונטן. זיינע ווערק זיינען אָנגעפילט מיט הומאַניזם און שיינקייט. ער האָט די פעיִקייט צו פאַרכאַפּן דעם לייענער און אים האַלטן אין שפּאַנונג. זיין קינסטלערי־שע פּראָזע איז דורכגעוועבט מיט לירישקייט און פּאַטאָס. דערצו איז ער גענוג קלוג צו זיין, ווען נויטיק, געדעמפּט, איינגעהאַלטן, געמאָסטן.

אין אונדזער היינטיקער צייט, ווען סאָוועטישער אַנ־טיסעמיטיזם ווערט געמשפּט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן טרי־

בונאַל, באַקומט דאָס עדות־זאָגן פון מענדל מאַן אין זײַן טרילאָגיע — אַ באַזונדער באַטײַט און וואָג. זײַנע שילדערונגען פון די אַנטיייִדישע האַנדלונגען און דיסקוסיעס — קלינגען איצט ממש נביאיש.

אויף אַ גרויסער פײַערלעכער פאַרזאַמלונג אָרגאַניזירט דורכן קולטור־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג אין פּאַריז (אָקטאָבער 1961) — האָט מענדל מאַן געהאַלטן אַ רעפעראַט אונטערן נאָמען „דאָס וואָרט פון ייִדישן שרײַבער אין אונדזערע טעג". האָט ער דאָרט דערציילט דעם ווײַטערדיקן עפּיזאָד:

„דאָס איז געווען נישט ווײַט פון ראָוונע ווינטער 1944. אַ שווערער רוסישער טאַנק האָט זיך לעבן מיר אָפּגעשטעלט און עס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ טאַנקיסט: — איר זענט פּאָ נאַציאָנאַלנאָסטי אַ יעווריי? — האָט ער מיך אין גאַנצן געאײַל געפרעגט. — דאַ, יעווריי! — דער טאַנקיסט האָט מיך צוגערופן צום טאַנק, אויפגעעפנט אַן אײַזערן טירל, און פון דער קאַבינע אַרויסגענומען אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פינף, אַ שוואַרצן אַ צוועט... — וואָס דיעלאַ טאַקאָיע! — זאָגט צו מיר דער אָפיציר פון טאַנק — איך בין אַ רוסישער פון באַיקאַל. דאָס קינד איז אַ יעוורעיסקע קינד, און אַזוי ווי דו ביסט אַ ייד, גיב איך דיר דאָס איבער. דאָס ייִנגל רעדט אַ ביסל רוסיש. ער זאָגט אַז ער איז אַ יעווריי — אויב אַזוי, געהערט ער צו אײַך.

איך האָב גענומען דאָס קינד אויף די אָרעמס. מיט די פאַרטרערטע אייגעלעך, מיט דערשראָקענע ליפּעלעך האָט עס אַ גאַנצן וועג געשעפּטשעט צו מיר: „נאַרסט מיך נישט? זאָג דעם אמת, דו ביסט אויך אַ יעווריי? דו ביסט אַ נאַסטאָיאַשטשי יעווריי? מײַן פּאַפּאַ האָט מיר געזאָגט, איידער מען האָט אים אַוועקגענומען, אַז אויב ס'וועלן קומען די גרויסע טאַנקען און מען וועט רעדן רוסיש, — זאָלסטו

זאָגן אַז דו ביסט אַ יעוורעי. זאָלסט קיין מאָל ניט פאַר־לייקענען! דיאַדיושקאַ, דו ביסט אַ יעוורעי? נאַרסט מיך נישט? דו ביסט אַ נאַסטאָיאַשטשי יעוורעי?"

„נישט איין מאָל שטעל איך זיך אליין די פראַגע היינט צו טאָג: ביסטו אַ ייד? וויל זיין אַ שרייבער ביי אַזאַ פאָלק און נאָך אַזאַ חורבן, איז ווייניק, גאָר ווייניק: געהערסטו צום פאָלק? ביסטו אַ ייד? האָסטו דעמאָלט געזאָגט דעם פולן אמת דעם קליינעם יידישן ייִנגעלע?"

מענדל מאַן איז ניט נאָר אַ גרויסער שרייבער, נאָר אויך אַ גרויסער ייד, מיט יידישער וויזיע און יידישן גייסט. ער האָט פולע רעכט צו זאָגן: איך בין אַן אמתער ייד, איך געהער צום פאָלק און איך וויל אים דינען מיט אַלע מיינע פעיִקייטן.

„דעם יידישן שרייבער — האָט מענדל מאַן פייערלעך גערעדט אויף דערזועלביקער פאַרזאַמלונג — גייט קודם כל אין קיום העם. זאָל זיין אַ פאָלק! לאָמיר אויפהיטן אונדזערע קולטור־פּאָזיציעס! לאָמיר אויפהאַלטן ייִדיש, לאָמיר אויפהויבן די קרוין די פאַרבלוטיקטע פון אַ גרויס און שיין פאָלק, — זיין ליטעראַטור פון טויזנט יאָר — די וואָס איז אַראָפּגעריסן געוואָרן פון אונדזערע קעפּ, — לאָמיר איר הויך טראָגן, ווייל די טריט פון מענטש־דערלייזונג און פון וועלט־אויסלייזונג קען מען שוין הערן. — שטייען מיר פאַר אַ באַנייִונג פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור? און איך זאָג יאָ, און מיין יאָ איז אַ קלאָרער און דעצידירטער. וואָרעם מיר שטייען פאַר אַ באַנייִונג פון ייִדישן פאָלק".

איך באַגריס האַרציק מענדל מאַן מיט זיינע גרויסע דערגרייכונגען!

ת. ש. קאַזדאַן

די מלחמה־עפּאָפּייע

אין דרײַ ביכער — בײַ די טויערן פון מאָסקווע, בײַ דער ווײַסל און דאָס פאַלן פון בערלין — גיט אונדז מענדל מאַן די עפּאָפּייע פון דער רוסיש-דײַטשער מלחמה, פון יידישן צוויי-קאַמף און פון פוילנס ראַנגלענישן קעגן דײַטשן אָקופּאַנט. דאָס זיינען ביכער פון קינסטלערישער גבורה, פון שעפּע-רישער געוואַגטקייט. אַפילו אַ פּשוטער רעפּאָרטאַזש וועגן יענע יאָרן פון היסטאָרישן פאַרמעסט קעגן דײַטשן נאַציזם מצד די סאָוועטן, יידן און פּאָליאַקן, וואָלט אויך געווען אַ ריזיקע אונטערנעמונג, הײַנט וויפל געוואַגטער איז דער פאַרמעסט צו פאַראייביקן די דאָזיקע עפּאָכע קינסטלעריש, אין אָביעקטיוון בילד און לירישן אויסגוס, אין פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון פעלקער און יחידים, אין געוועב פון דראַמאַ-טישע געשעענישן.

מענדל מאַן איז געווען אַ גאָר יונגער בחור, ווען די נאַ-צי-האָרדעס זיינען באַפאַלן פוילן. דער שטורעמווינט פון דער מלחמה פאַרטראָגט אים אין דאָרף טעננושיי בײַ די ברעגן פון דער מאָקשאַ, טיף-רוסלאַנד. דער יידישער בחור, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פּלאָנסק און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין וואַרשע, באַגעגנט זיך איצט מיט אַ פאָלק און אַ לעבנשטייגער, וואָס איז אין אַלע פּרטים אַנדערש און

איינגאַרטיק. מיט אַלע זײַנע חושים נעמט ער אויף די שיינ-קייט און גאַנצקייט, די אומבאַרירטע אומטיטלדיקייט און אָפּנהאַרציקייט פון אַט דעם רוסישן מענטשן. מנחם, דער העלד פון בוך, לעבט צוזאַמען מיט די מענטשן פון פאָלק, טוט אַלע זייערע אַרבעטן. ער זאַפּט אײַן אין זיך זייער אַרט ריידן און דערציילן, זייער ליבשאַפט און געבונדנקייט מיט דער נאַטור, ער פאַרנעמט זייערע דאגות און צרות, ער ליבט זיך אין זייערע טעכטער, און זיי, די רוסישע מענטשן, האָבן אים געצאָלט מיט ליבשאַפט און רחמנות צום פאַרוואָרפע-נעם יידישן נע-ונדניק. „און נאָענט איז אים געוואָרן טענ-גושיי אַזוי נאָענט ווי די אייגענע היים אין פוילן". און ווען די דונערן פון דער דײַטש-רוסישער מלחמה דערגייען אויך אַהער אין ווײַטן טענגושיי און די דערפער און פעלקער פון אַרום ווערן אַלץ מער פאַרכאַפּט פון די כסדרדיקע מאָ-ביליזאַציעס, — שטעלט זיך אויך מנחם פרײַוויליק צו דער אַרמיי און, מיט זײַנע נײַ-דערוואָרבענע פרײַנד צוזאַמען מאַכט ער דורך דעם סכנותדיקן דערנער-וועג פון דער מלחמה. ער דערגייט ביז די טויערן פון מאָסקווע, ער שטייט בײַ די ברעגן פון ווײַסל, אויפן שוועל פון וואַרשע — ער מאַכט דורך דעם רומפולן מאַרש פון דער סאָוועט-טישער אַרמיי ביז בערלין.

סײַ אין ערשטן, סײַ אין צווייטן באַנד גיט מענדל מאַן אָפּ צענטליקער בלעטלעך דער באַשרײַבונג פון דער מיליטע-רישער לאַגע, פון די פאַרשידענע פראָנט-פאָזיציעס און אָפּע-ראַציעס פון אָנגריף און צוריקטריט, פון גרויסע און קליינע שלאַכטן.

די קריגס-בילדער אינעם בוך זײַנען געשריבן מיט פאַר-נעם און פערספּעקטיוו, און מיט אַ בלוטנדיק האַרץ. טיף אַרײַנדרינגענדיק אין די היסטאָרישע געשעענישן, גיט אונדז

דער שרײַבער אַן אַנאַליז און אַן ענטפער פון דער גרויסער שאלה: ווי אַזוי איז עס געקומען צו דער טויט־פאַרווּנדונג און צעשמעטערונג פון דער דײַטשער אַרמיי אויף די פראָנטן פון רוסלאַנד און פוילן? ווי אַזוי איז געקומען צום נס פונעם גרויסן נצחון איבערן שונא?

גלײַכצײַטיק האָבן מיר דאָ ברייט־פּאַנאַנדערגעוויקלטע לײַוונטן פון רוסיש־סאָוועטישן לעבנסשטייגער, פריִער אין די באַדינגונגען פון רו און פרידן, שפּעטער — אין די באַדינגונגען פון קריג. מיר זעען דאָ דעם קאָלכאָז און די טראַקטאָר־סטאַנציע מיט זייערע אומאָרדענונגען און אומרעכטן; עס גייען פאַרבײַ די איזאָלירטע שטראָף־לאַגערן, ווו רוסישע בירגער זײַנען פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן; מיר הערן די שאַרפע שטעכיקע באַמערקונגען און פאָרוואָרפן אויפן אַדרעס פון די באַאַמטע און קאָמאַנדירנדיקע אָפיצירן; מיר פילן דעם הונגער און דעם דוחק אין קליידונג; אָן אַ העמד אויפן לײַב און אַ שיך אויף די פיס; מיר זעען די אײַזערנע דיסציפּלין, אין וועלכער די סאָלדאַטן ווערן געהאַלטן; מיר לייענען די רירנדיקע בריוו, וואָס סאָלדאַטן שיקן אַהיים פון פראָנט און וואָס משפחה שרײַבט צו די סאָלדאַטן; מיר נידערן אַראָפּ אין די קוילנגרובן, ווו עס אַרבעטן פאַרמישפּעטע ציווילע און סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָקערשט געקעמפט און זייער לעבן אײַנגעשטעלט אויף די פראָנטן (אויך מנחם איז צווישן די באַשטראָפטע); מיר זעען די מאַכט פון „ענקאַוועדע" און „די שפּיזיקע אייגעלעך פון די אונטערטראָגערס און מוסרים", מיט וועלכע דער גאַנצער אַרום איז פול.

גרויזאַם און טראַגיש איז דאָס בילד פון אינערלעכן פאַרראַט און דערוואַכטער קאָנטר־רעוואָלוציע. אין ערשטן באַנד איז עס דער אויפבראַוז פון דער מאָסקווער באַפעלקערונג קעגן סאָוועטישן רעזשים, ווען די דײַטשע חיילות שטייען

ביי די טויערן פון דער הויפּטשטאָט. די קאָמוניסטישע רע־גירונג עוואַקוּאירט מאָסקווע, אַלץ ווערט אויסגעליידיקט, די באַפעלקערונג איז צעמישט, אויסגעמאַטערט, פאַרלוירן. די באַפעלקערונג איז אין פּאַניק, באַהערשט פון פאַרשידענע קלאַנגען און שרעק פאַר די דייטשן, וואָס אָט־אָט פאַרנע־מען זיי גאַנץ מאָסקווע. הפקר, כאָאָס, מען וואַרפט זיך אויף געשעפטן און סקלאַדעס, מען ראַבעוועט. איבער די גאַסן פון מאָסקווע הערן זיך שיסערייען, מען זינגט שוין דעם אַמאָליקן צאַרישן הימן. מען גרייט זיך באַגעגענען די דייטשן.

אין צווייטן בוך האָבן מיר די באַשרייבונג, ווי אַזוי רו־סישע סאָלדאַטן אויפן פּוילישן פראָנט לויפן איבער צו די וולאַסאָוועס, צו דער אוקראַאינישער „קאַמינסקי־בריגאַדע“, און אַלע צוזאַמען ראַבעווען זיי , פאַרניכטן, פאַרגוואַלטיקן. נאָך מיאוסער איז דער פאַרראַט פון אַ טייל רוסישע דאָרפס־מענטשן לגבי די קעמפנדיקע פּאַרטיזאַנער, מיט סאַדיזם די־נען זיי און באַדינען דעם דייטשן אַפּאַראַט.

אָט דאָס איז זי, די גרויסע רוסישע מדינה און איר באַ־פעלקערונג. גרויס אין פּאַטריאָטיזם און ליבשאַפט צו דער אייגענער ערד, גרויס אין דער פעאיקייט צו ליידן שטיל, צו ברענגען קרבנות און אַוועקגעבן דאָס אייגענע לעבן; גרויס אין דער אוממיטלדיקייט און פּשטות, — און גרויזאַם אין איר פאַרביטערטקייט, אין אירע פּרימיטיוו־חיהשע אינ־סטינקטן. רוסישע מענטשן — אָט אַ לייב, אָט אַ היענע... רוס־לאַנד — דאָס גרויסע רעטעניש און וווּנדער. אַזוי האָט עס געזען און איבערגעלעבט דער שטילער באַשיידענער בחור פון פּלאָנסק און וואַרשע, וועלכן דער וויכער פון דער מלחמה און פּאַרטיזאַנען־קאַמף האָט געשליידערט אַרויף און אַראָפּ.

מנחם איז אַ ייִד. וואָס נענטער צום סוף פון דער מלחמה,

דערוויסט ער זיך און ער דערקענט אַליין אויף טריט און שריט דעם פאַרנעם פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און פוילן. דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון זיין פאָלק פאַרפאָלגט אים אויף אַלע פראָנטן. ער טרוימט צו באַגעגענען דעם שונא מיט געווער, נעמען נקמה אין אים. אויף אַלע וועגן פון דער אַרמיי, אין אירע אייגענע רייען און אויסער איר, זוכט ער שטענדיק יידן. ער פיבערט מיט ליבשאַפט צו יעדן לעבן־פאַרבליבענעם ייִדן. ער טרעפט זיך שפּעטער מיט די רעשטלעך פון די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ. גרויסן יידישן טרויער טראָגט ער אין זיך — ער קען זיך נישט באַפרייען פון אים, עס פייניקט אים, עס פאַרגרעסערט זיין איינזאַמקייט, דערשלאָגנקייט און פאַרביטערטקייט.

פאַר מנחמען שטייט ניט נאָר די טראַגעדיע פון אויסראָט פון יידישן פאָלק דורך די דייטשע רוצחים און זייערע מיטהעלפער. אַרום אים אין דער סאָוועטישער אַרמיי, צווישן די סאָלדאַטן און נאָך מער צווישן די אָפיצירן, איז פאַראַן אומצוטרוי צום יידן, אומפאַרשטענדעניש פאַרן יידישן כאַראַקטער און געמיט. עס איז נישט אַזוי פיל אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ הויכע וואַנט צווישן דער יידישער מחנה און דער נישט־יידישער, רוסישער. מנחם מאַכט אַדורך אַ סך אומזיסטע יסורים, ער שטייט אויס פערזענלעך אַ סך אומגערעכטיקייט, ער ווערט באַשטראָפט פאַר אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען. און ניט די פיזישע ליידן זיינען דער עיקר, נאָר די גייסטיק־מאָראַלישע, די באַליידיקטע יידישע נשמה. צווישן פּ ש ו ט ן פּ אָ ל ק טרעפן זיך אומביטלבאַרע גוטע כאַראַקטערן: זיי ווייסן גאָרניט וועגן יידן און די פאָראורטיילן קעגן זיי, און זיי ווייזן אַרויס אַ סך פיינקייט און ליבשאַפט צום איינזאַמען, פון ווייטן פוילן שטאַמענדיקן און גאָר אַנדערשדיקן, מנחמען. אָבער צווישן די „אינטעליגענטע" אָפיצירן — איז אַ פול־

שטענדיקע צעמישעניש, זיי זײַנען באַהערשט פון פאַרדאַכטן און אומצוטרוי צום יידן. בײַ זיי איז עס אַ מין אויסדרוק פון זייער פּאַטריאָטיזם און פאַרטיי־געטרײַשאַפט, זיי שטעלן אַנטקעגן דעם געזונטן רוסישן כאַראַקטער לגבי דעם יידישן „קרענקלעכן, היסטערישן, נערוועזן" כאַראַקטער. מיט לײַכט־קייט נעמען זיי אויף יעדע באַשולדיקונג קעגן יידישע סאָל־דאַטן און פּאַרטיזאַנער, מיט קנאה־שנאה קוקן זיי אויף די יידישע גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס אין דער סאָוועטישער אַרמיי. מיט חשד באַציִען זיי זיך צו יענע יידן, וואָס רײַסן זיך אין די ערשטע שורות אויפן פראָנט: די יידן ווילן כלומרשט זיך נאָר אַרויסשטעלן פאַר העלדן. און ווען מנחם באַהאַנדלט אַ געפאַנגענעם דײַטש אַזוי, ווי זײַן היים בלוט און יידיש געפיל דיקטירט אים, פאַרגעסנדיק דערבײַ אין די קאַלטע געזעצן פון מיליטערישער דיסציפּלין. — פאַר־פירט מען קעגן אים אַ פּראָצעס און מען באַשולדיקט אים אין ניט־געהאָרכזאַמקייט, אומדיסציפּלינירטקייט און אין דעמאָראַליזירנדיקער ווירקונג אויף די סאָלדאַטן. מען באַשטראָפט אים זייער פּײַנלעך. פון דער אַנדערער זײַט, זײַנען די סאָלדאַטן באַהערשט פון אַ מיינונג, אַז יידן זײַ־נען פּחדנים, ווילן אויסמײַדן געפאַרן, „יידן האָבן אײַנגע־נומען טאַשקענט אָן אַ שלאַכט".

מענדל מאָן עפנט פאַר אונדז די פאַרוווּנדעטע און בלוט־טריפנדיקע יידישע נשמה פון אַ העלד, וואָס איז אַרײַנגע־צויגן אין אַ תהום פון אומצוטרוי און קנאה. מנחם טראָגט אין זיך דרײַפאַכע לײַדן. ער איז אוממעכטיק קעגן אָט דער סטיכיע. ער זוכט אַ טרייסט צווישן די פּשוטע פאָלקס־מענטשן. ער גיט זיך אונטער זיין גורל. ער טראָגט דעם רוסישן פאָלק אַנטקעגן זײַן מוטיקייט און מסירת־נפש־דיקייט, זײַן טאַלאַנט פון אַ מאָלער, וואָס פאַראייביקט אומ־צאָליקע סצענעס פון מלחמה־לעבן און פון די העראָאישע

שלאַכטן. ער וויל העלפן די רוסישע קאָמאַנדירן פאַרשטיין די קאָמפּליצירטקייט פון דער לאַגע פונעם יידישן קעמפער אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אָבער ביזן סאַמע סוף בלײַבט שטיין צווישן זיי די שטומע וואַנט. אפילו די בעסטע פון די אַרמיי־קאָמאַנדירן קענען זיך ניט באַהערשן און צעברעכן די וואַנט.

די רוסישע אַרמיי דערנענטערט זיך צו די ברעגן פון דער ווײַסל און מנחם שטייט ווידער פנים אל פנים מיטן פּויליש ן פאָלק. פון איין זײַט — שטילער פחד אין די פּוילישע אויגן, אַז דער אַמאָליקער יידישער „אינעווייניקסטער אָקופּאַנט" פון פוילן איז ווײַטער דאָ. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס דאַנקבאַרע טוליען זיך צום דײַטשן אָקופּאַנט, וואָס האָט באַפרײַט פוילן פון די יידישע שונאים. פון דער אַנדערער זײַט אויסגעליידיקטע יידישע שטעט און שטעטלעך, דאָס חרובע יידישע וואַרשע, פאַראיינצלטע יידישע מענטשן קריכן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, דערשראָקענע און אויסגעשעפּטע. צווישן די אָנטיילנעמער אינעם פּוילישן אויפשטאַנד קעגן די דײַטשן טרעפט מנחם אָן אַזעלכע וואָס באַגרײַפן איצט דאָס גרויסע אומרעכט צו די יידן מצד די פּוילישע מענטשן. אַזעלכע פּוילישע אינטעליגענטן האָבן צומאָל אויף זייער אייגן לײַב געפילט די נידערטרעכטיקייטן פון יענע פּוילישע פאָלקסמענטשן, וואָס האָבן געדינט דער געסטאַפּאָ און איצט זײַנען זיי כלומרשט צוגעשטאַנען צו דער מחנה פון די אויפשטענדלער. „מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, ווען דאָס געטאָ האָט געברענט, — הערט מנחם פון אַזעלכע בעל־תשובות, — דאָס איז גאָטס שטראָף פאַר אונדזער גלײַכגילט, פאַר דער בלינדקייט". „איך בין דער פחדן, דער פאַררעטער, — טענהט איינער אַזאַ פּוילישער אינטעליגענט צום יידישן העלד, שמעון, — דו וועסט נישט קאַפּיטולירן פאַרן דײַטש... וועסט זיך שלאָגן ביזן סוף...

איר, פּוילישע יידן, זענט עס די נאַציאָנאַלע העלדן פון פּוילן! די גרעסטע העלדן, וואָס די ערד האָט אַרויסגעגעבן! דאָס טוט שרעקלעך וויי! דאָס באַליידיקט אונדז! דאָס איז אָבער אמת!"

דער רוסישער קאָמאַנדיר און סאָלדאַט ווייסט ניט פון אַזעלכע ספקות און נשמה־ליידן. זיין וועג איז גראָד און זיכער, אָן זיגזאַגן, זיין פּאַטריאָטיזם איז פעסט און אויסגעהאַלטן. זיין מסירת נפש איז אומטיטלבאַר. די רוסישע אַרמיי איז, אייגנטלעך, ניט קיין קאָמוניסטישע מחנה, אירע פירער זיינען עס די פּאָליטיק־מאַכער. די סאָלדאַטן־מאַסע ווייסט ניט פון דעם אַלעם, זי טראָגט אירע קרבנות פאַרן פאָטערלאַנד, וואָס איז נישט קיין אַבסטראַקציע, נאָר עפּעס רעאַלס. ווען די סאָוועטישע אַרמייען שטייען ביי דער ווייסל און גייען ניט אַרויסהעלפן די פּוילישע אויפשטענדלער אין זייער פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן די דייטשן, — קען עס דער פּשוטער רוסישער סאָלדאַט נישט פאַרשטיין. דאָס איז די טאַקטיק און אויסרעכענונג פון די קאָמוניסטישע מאַכטהאָבער און גרויספּאָליטיקער. זיי פירן דאָס צום פולשטענדיקן חורבן פון וואַרשע. אויך מנחם, שמעון און אַנדערע קענען ניט באַגרייפן, וואָס עס באַטייט די פאַררעטערישע האַנדלונג פון די סאָוועטישע פירער. אויפן שוועל פון נצחון איז אָט די האַנדלונג אַ צוגאָב צו די פּייַנלעכע ליידן, וואָס די יידישע העלדן האָבן דורכגעמאַכט... שרעקלעך איז צו „ליגן אויף דער שוועל פון דער אייגענער היים אַ געבונדענער"...

מענדל מאַן האָט אָוועקגעשטעלט אין צענטער פון זיין גרויס ווערק דעם ייִד, די ייִדישע טראַגעדיע. עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין אין אַ ווערק, וואָס איז געשריבן אויף יידיש. פון אַן עפּאָפּייע וועגן מלחמה־שלאַכטן און באַוועגונגען פון גרויסע אַרמייען — איז עס געוואָרן אַן עפּאָ-

פּייע פון יידישע לײַדן. פיר פעלקער זײַנען אַרויסגעפירט אויף דער פאָדערשטער סצענע פון דער תקופה: דײַטשן, רוסן, פּאָליאַקן, יידן. די לעצטע פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט. זייער גײַסט, זייער גלויבן אין זיג פון גערעכטיקייט, זייער מסירת נפש זײַנען אַ מוסטער. די קלענערע פעלקער, וואָס בלאָנדזשען דאָ אַרום ווי סאַטעליטן אַמאָל פון די רוסן און אַמאָל פון די דײַטשן, — זײַנען נישטיק, פאַראַכטונגס־ווערט. נאָך וויכטיקער פון די פעלקער־קאָלעקטיוון זײַנען די יחידים מיט זייערע האַנדלונגען אין פאַרלויף פון די געשעענישן. דער יידישער יחיד שײַנט דאָ אַרויס מיט באַזונדערער שיינקייט און גרויסקייט.

די עפּאָפּייע פון מענדל מאַן פאַרמאָגט ניט די רויִקייט שטילקייט, גאַנצקייט, מאָנאָליטישקייט, וועלכע צייכענען אויס געוויינטלעך ווערק פון דעם כאַראַקטער. מענדל מאַנס ביכער זײַנען פול מיט אומרו און אימפּעט, זיי זײַנען געשריבן מיט הייסן טעמפּעראַמענט און אײַנגעהאַלטענע טרערן. פון צײַט צו צײַט קומט ער אַרויס מיט אַ לירישן אָפּזאַץ, וואָס נייגט אָפּ פונעם לויף פון די געשעענישן, און דער לייענער רוט זיך אָפּ. אין לירישע אויסגוסן באַזינגט מענדל מאַן גאָטס וועלט מיט אירע שיינקייטן, אָדער דעם פּרימיטיוו אומסימלדיקן רוסישן מענטשן, מיט וועלכן אים איז באַשערט געווען זיך צו פאַרוועבן, אָדער ער זינגט גאָר אויס דעם יידישן צער און אומקום. אין אַזעלכע לירישע אָפּנייגן איז דער שרײַבער אייגנאַרטיק, אויפריכטיק־פּאַטעטיש, ברייט־פאַרנעמיק, טיף־מענטשיש. אין אַזעלכע מאָמענטן באַהערשט אים אַ שטימונג פון רויִקייט און גלויבן, פון ליבשאַפט צום לעבן און צום מענטשן. דאָס זינגט פון אים אַרויס די יונגשאַפט, דער קרעפטיקער לעבנס־אינסטינקט, די זיכערקייט אין זײַן שעפערישקייט און טאַלאַנט.

פאַראַן סצענעס, וואָס דערשיטערן אייך מיט דער קראַפט פון זייער שילדערונג און בילדערישקייט. אָפט זײַנען עס פאַרבײַגייענדיקע געשעענישן און דערציילונגען, אָבער זייער אײַנדרוק איז אומגעהויער, זיי פאַרוואַנדלען זיך אין סימבאָלישע צייכענונגען פון דער תקופה. דער לייענער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, למשל, אַזאַ סצענע: די רוסן קומען אַרײַן אין אַ דײַטשישן דאָרף בײַ דער גרענעץ; די דײַטשן זײַנען זיך צעלאָפן און געבליבן זײַנען דאָ נאָר די פערד און די שוין לאַנג נישט געמאָלקענע קי, זיי לויפן אַנטקעגן די אָנגעקומענע סאָלדאַטן מיט פרייד און צוטרוי: „זייער אומגעריכטע געוואָיערײַ און רעווערײַ האָט געמאַכט אויפציטערן אַלעמענס הערצער און די אויגן זײַנען פאַרנעפּלט געוואָרן מיט טרערן". פּרימיטיוויער מענטש און פרידלעכע חיות — איינס אַקעגן צווייטן. שטילע אידיליע אין מיטן פון גיהנומדיקן קריג...

מעכטיק איז דאָס בילד, ווען מנחם און זײַנע קריגסחברים פאַלן אַרײַן אין אַ פּאַלאַץ פון אַ פּוילישן פּריץ. אַ צאַרט יונג יידיש מיידל האָט זיך דאָ אויסבאַהאַלטן — זי איז געוואָרן דעם אַלטן פּריצס ווײַב. זי שפּילט פאַר די סאָלדאַטן אויפן קלאַוויר. אָבער די סאָלדאַטן כאַפּן זיך אַליין צו צום ווונדערבאַרן אינסטרומענט און אין שטורמישע קלאַנגען פון דער פּיאַנאָ גיסן זיי אויס זייער גאַנצן צער אין די אויסגעוויייטיקטע יאָרן פון מאַרשן און שלאַכטן, זייער גאַנצע בענקשאַפט נאָך דעם רויִקן לעבן אין דאָרף, נאָך זייער היים און משפּחה. מיט אַמאָל, מיט אומגעצוימטער הפקרות, וואַרפן זיך די אויפגערעגטע זעלנער אויף די קרישטאָלענע גלעזער, צאַצקעס און שפּיגלען, און זיי ברעכן און צעטרעטן אַלץ מיט זייערע שטיוול. דאָס כאַאָטישע סטיכישע שפּילן אויפן קלאַוויר, די צעשטערערישע סטיכיע און שנאה צו דער געקינסטלטער, פרעמד־קאַלטער סביבה — האָבן אויס־

געזען, ווי „ס'האָט אַ פלייץ געטאָן אַ שטראָם, ווי אַן אײַנ־דעק וואָלט אויפגעריסן געוואָרן און די וואַסערן פאַרגיסן דאָס אויבערשטע אײַז"...

און גאָר אַ סך זײַנען צעשפּרייט איבערן בוך בילדער פון שטילן פאַר־מלחמהדיקן לעבן מיט זײַן אײַנגעוואָרצלטן אינטימען שטייגער, בילדער פון מענטשישער גוטסקייט, פון זײַן ליבשאַפט צום וואַלד און פעלד, צום טײַך און אָזערע, צו פערד און בהמה. וואָס איז שטאַרקער אויף גאָטס וועלט; דאָס גוטס, צי דאָס שלעכטס ? דאָס אייביק פונדאַמענטאַלע, צי דאָס פאַרבײַגייענדיקע אומנאָרמאַלע, אומנאַטירלעכע ? מענטש צי חיה ?

עס איז טיף ייִדיש און אַ טיף מענטשלעך ווערק.

דער אָפּשלום פון דער מלחמה־טרילאָגיע

„ד אָ ס פ אַ ל ן פ ו ן ב ע ר ל י ן" איז דער דריטער און לעצטער באַנד פון מ ע נ ד ל מ אַ נ'ס מלחמה-טרילאָגיע. דער דאָזיקער באַנד האָט וויכטיקע געשיכטלעכע, ליטעראַריש-קינסטלערישע און יידיש-נאַציאָנאַלע טעמאַטיק.

דער מאַרש קיין בערלין און די פאַרענדיקונג פון דער מלחמה איז פאַרן קינסטלער פול מיט שטרויכלונגען און סכנות ווי אַזוי באַהערשט מען דעם פאַרלויף פון די שטורמישע קריגס-געשעענישן, די פאַנטאַסטישע טאַקטישע און סטראַטעגישע געוואַגטקייטן? ווי אַזוי באַהערשט מען ביים שרייבן די אייגענע יידישע געפילן — פון נקמה אינעם נאַציישן שונא, פון יידישער פאַרביסענער העלדישקייט אויף די שלאַכט-פעלדער? ווי אַזוי באַנעמט מען דעם גרויזאַמען סך-הכל פונעם אומקום פון מיליאָנען יידישע נפשות? ווי אַזוי דעקט מען אויף פאַר דער וועלט און פאַר דער געשיכטע דעם פּרצוף פון דער „הערן-ראַסע" און אירע פירער? ווי אַזוי באַווייזט מען פאַר דער וועלט די שיינקייט פונעם רוסישן פאָלק און פון זיינע זין אין דער סאָוועטישער אַרמיי? ווי אַזוי אַנטפּלעקט מען פאַר דער וועלט דעם סטאַליניזם מיט זיין טעראָר-סיסטעם, מיט זיין פאַרראַט לגבי

דעם יידישן פאָלק, מיט זײַן פאַרלייקענען און אָפּווישן אַלע סימנים פון דער העלדישקייט און קרבנות־גרייטקייט פון די ייִדישע קעמפער אויפן פראָנט ? צי מעג מען, צי זאָל מען אַרויספירן אויף דער סצענע די צוויי היסטאָרישע אַנטי־פּאָדן, היטלערן און סטאַלינען, פּ ע ר ז ע נ ל ע ך, ווי לעבעדיקע פיגורן, מיט זייערע טאָג־טעגלעכע האַנדלונגען ? צי וועט דער קינסטלער געפינען און זיך געניג אָביעקטיווי־טעט און רויִקייט צו שילדערן אָט די צוויי דיקטאַטאָרן, וואָס זייער שאָטן האָט זיך אַזוי טרויעריק געלייגט אויף דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ? און ווי אַזוי דערפירט מען צו אַ געהעריקן סוף דעם ראָמאַן צווישן די צוויי „העלדן" פון דער טרילאָגיע, צווישן מנחמן און אַננאַן, אָט די שטי־לע יידישלעכע ליבע פון צוויי יונגע מענטשן — אין דער אַרומרינגלונג פון בלוט־פאַרגיסונג, פון יידישער קאַטאַסטראָ־פע, פון אָפענעם נידערטרעכטיקן יידן־האַס ?

אָט דאָס איז דער אינהאַלט און כאַראַקטער פונעם בוך „דאָס פאַלן פון בערלין". עס איז ניט קיין מלחמה־רעפּאָר־טאַזש. עס איז אַ קינסטלעריש ווערק, דורכגעזאַפּט מיט אי־דעען און פּאַרטייִשע געפילן. עס איז אַ ווערק פון קינסטלע־רישן פאַרנעם און אחריות.

מענדל מאַן דערציילט וועגן דעם מאַרש פון דער רויטער אַרמיי — מיט וועלכער מנחם האָט דורכגעמאַכט די גאַנצע מלחמה — פון די ברעגן פון דער ווייסל ביז צום טײַך שפּרעע, בײַ וועלכן עס ליגט די דײַטשע הויפּט־שטאָט. מיט אומגלויבלעכער שנעלקייט, מיט איבעראַשנדיקער אומ־גערעכטקייט און עפעקטן גייט אָן דער דאָזיקער מאַרש. ער איז גראַנדיעז סײַ לויטן שטח סײַ לויט דער געוואַגטקייט און אַנטשיידנקייט. דאָס פאַלן פון בערלין איז אַ פּועל יוצא פון

דורכגעטראַכטער סטראַטעגיע און דורכגעטריבענע פּאָלי־טישע האַנדלונגען.

מיר גייען נאָך די אָפּעראַציעס פון דער סאָוועטן־אַרמיי טריט ביי טריט. דער שרייבער גיט אונדז די טאָפּאָגראַפיע פון די פאַרנומענע פּונקטן, ער באַשרייבט די בעטאָנירטע קעלערן פון די מיליטאַריזירטע דייטשע הייזער און פאָל־וואַרקן אין מזרח־פּרייסן. ער צייכנט די פּאָזיציעס פון די דייטשע דיוויזיעס, זייערע באָמבאַרדירונגען און עראָפּלאַן־שטורעמס, זייערע אָנגריפן און צוריקטראָטן. פון דער אַנ־דערער זייט זעען מיר די סאָוועטישע שטורעמס און לופט־אַטאַקעס. דער שרייבער האַלט געשפּאַנט דעם לייענער ביזן סאַמע מאָמענט ווען בערלין גופא ווערט באָמבאַרדירט און ווען די שלאַכטן גייען שוין אויף דער טעריטאָריע פון דער דייטשער הויפּט־שטאָט. דאָס אַלץ איז דער הינטערגרונט, אויף וועלכן עס שפּילן זיך אָפּ יענע געשעענישן וואָס זיינען דער עיקר פונעם סיפור המעשה.

די „הערן־ראַסע" צאַפּלט זיך אין די איינקלאַמערונגען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. די געשטאַפּאָ־לייט, די עס־עס, דער פאָלקשטורעם — דאָס אַלץ וואַלגערט זיך אין שטויב. אַרום איז פול מיט דייטשע דעזערטערן, וואָס פּרוּוון זיך אַדורכרייסן צום „פאַטערלאַנד". ווען זיי פאַלן אַריין אין די הענט פון די רוסישע סאָלדאַטן, זיינען זיי נעבעכדיק, פּחד־נותדיק, חניפהדיק און אָפּשטויסנדיק. זייער „טויזנט־יאָרי־קער רייך" איז צעשמעטערט. די פאַרצווייפלטע דייטשע די־וויזיעס ווילן זיך דורכרייסן און כאָטש אַריינפאַלן אין די הענט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וואָס שפּאַרט פון דער מערבדיקער זייט. היטלערס באַפעל „צו האַלטן זיך ביזן לעצטן סאָלדאַט" זעט אויס ווי אַ חוזק. זשוקאָווס אַרמיי לאָזט זיי ניט אָפּעטעמען אויף קיין רגע. די וועגן זיינען פול מיט דייטשישע וואַנדערער, און די אַנטרונענדיקע דייטשע מי־

ליטער־לײַט באַפֿאַלן די ציווילע דײַטשן און פּוצן זיך אויס אין זייערע ציווילע קליידער. אויף די וועגן ווערן אויך גע־טריבן, ווער ווייסט וווּהין און צוליב וואָס, די פֿאַרשידענע, בעיקר יידישע קאַצעטלער; די דײַטשע מיליטער־לײַט באַפֿאַלן זיי און דערשיסן זיי — מיטן איינציקן ציל אויסצו־ניצן זייערע קאַצעטישע קליידער, כּדי אויף דעם וועג זיך צו ראַטעווען, ווען זיי וועלן אַרײַנפֿאַלן צו די רוסן.

און להיפּוך צו די דײַטשע זעלנער און צו דער דײַטשער באַפֿעלקערונג — שטייט פֿאַר אונדז דער רוסישער מענטש און די רוסישע אַרמײ. אַ קינד פֿון דער ערד איז דער רוסישער זעלנער. ער בענקט נאָכן אייגענעם דאָרף, נאָכן אייגענעם פֿרילינג. ער טראָגט מיט זיך די דאָזיקע בענקשאַפֿט איבער אַלע פֿראָנטן, ער וויל וואָס שנעלער געווינען די מלחמה און זיך אומקערן אַהיים. ווען די רוסישע זעלנער קומען אַרײַן אין די פּרײַסישע דערפֿער און שפּעטער אין בערלין, ווען זיי דער־זעען דאָס אַרומיקע רײַכטום און איינגעפֿונדעוועטקייט, ווען זיי דערזעען די דײַטשע פֿרויען „ווייכע ווי אַ ראָשטשינע", — ווערט בײַ זיי די שנאה צו דײַטשלאַנד נאָך גרעסער. אין זייער האַנדלונג איז דאָ מער פֿאַראַכטונג איידער נקמה. „דאָס אַלץ איז זיי ווינציק געווען, אַזוי רײַך, און געגאַנגען אויף אונדזערע בידנע קאָלכאָזן"... די זעלנער פֿילן אַ שטאָלץ צוליב זייער נצחון, צוליב דעם וואָס „מיר וועלן דערשלאָגן די חיה אין איר אייגענער נאָרע".

אין דער זעלביקער צײַט, דערציילט מענדל מאַן, האָבן די האַרטע מלחמה־באַדינגונגען ניט פֿאַרווישט דעם מענטש־לעכן פּנים פֿונעם רוסישן זעלנער. אָפֿטמאָל ווײַזט ער אַרויס רחמנות און גוטסקייט אפֿילו לגבי יחידים־דײַטשן, און ווען די רוסישע זעלנער טרעפֿן זיך אָן אויף „באַפֿרײַטע" קאַצעטלער און זיי דערהערן פֿון זיי די מעשים פֿון די נאַ־

ציִשע רוצחים, צינדט זיך אָן אין זיי א שינאה און „זיי וויינען הערנדיק ווי יידישע פרויען דערציילן וועגן זייערע יאָרן פון פּיַין ביַי די דיַיטשן".

ווו ליגט דער סוד פון אָט דער האַלטונג פון דער סאָוועטישער אַרמיי? ווייסן מיר דאָך אַז די אַרמיי איז באַשטאַנען פון צענדליקער פעלקער מיט באַזונדערע כאַראַקטערן, און האָבן דאָך צווישן זיי ניט געפעלט קיין מלחמה־פאַררעטער... ווו איז לויט מענדל מאַן דער שליסל צו אָט דעם סוד? זיַין ענטפער דערויף איז: „און דאָך האָט זיך דער פאַרהונגערטער און דערדריקטער רוסישער מענטש אַרויסגעוויזן פיל העכער ניט נאָר פון דיַיטש, נאָר אַפילו פון זיַינע אייגענע רוסישע קאָמאַנדירן... דער רוסישער זעלנער האָט זיך געשלאָגן דערפאַר וויַיל ער האָט געגלויבט אַז עס וועלן קומען, צוזאַמען מיטן נצחון, גרויסע ענדערונגען אין לאַנד גופא, אַ נייַע פריַיע ציַיט. זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַרן לעבן, קעגן דיקטאַטור, קעגן הונגער, זיי האָבן געוואָלט אויפּברעכן דעם איַיזערנעם רינג פון טעראָר און שרעק וואָס האָט אַרומגעכאַפּט רוסלאַנד און גאַנץ אייראָפּע... זיי זיַינען געגאַנגען קעגן דער הערשאַפט פון געוואַלד. דאָס איז געווען אמת. דער דאָזיקער אמת האָט זיי דערפירט קיין בערלין."

אָט דער „איַיזערנער רינג פון טעראָר און שרעק" באַגלייט דעם רוסישן מענטשן אומעטום — אין קאָלכאָז און אויפן פראָנט, צווישן פשוטע זעלנער און העכערע אָפיצירן. איינער לויערט אויפן צווייטן, מסרט, ברענגט אום. עס וועבט זיך אָן אויפהער די נעץ פון שפּיאָנאַזש, אינטריגעס, פאַררעטערישע קאָמבינאַציעס. דורך אַ „פאַרבלאָנדזשעטער" קויל „צוליב ניט אויפגעקלערטע סיבות", פאַלט טויט דער אַרמיי־גענעראַל טשערניכאָווסקי, וועלכער האָט אויסגעפּלאַנירט די לעצטע אָפּעראַציע. דער שאָטן פון קרעמל באַגלייט די קעמפער אויפן פראָנט. סטאַלינס עמיסאַרן, פּערזענלעך

פאַראַנטוואָרטלעכע צו אים, האַלטן אַן אויג אויף יעדן — ווען מען דאַרף אומברענגען און ווען מען דאַרף אַרויסהייבן, ווען מען קען פאַרטרויען געהיימע מיסיעס. אין צוויי פערזאָן האָט מענדל מאַן פאַרקערפערט אָט דעם רעזשים פון טעראָר און פאַרראַט, זשילין און באַבאַדזשאַניאַן, און ביידע זיינען העסלעך, ביידע האַלטן זיך ביי סטאַלינס מאָטאָ: „דעם פיינט מיינעם קלייב איך זיך אַליין אויס... זאָלסט ניט וואַרטן ביז ער וועט דיך באַשטימען פאַרן שונא — ד ו באַשטים ווער עס איז דיין שונא“. דאָס איז די תורה פון „ענקאַוועדע“, פון די „ספּעץ-טיילן“ וואָס באַגלייטן די רוסישע אַרמיי אויף איר גאַנצן מאַרשרוט. מנחם און שפּעטער אננאַ — זיינען גאָר קליינע פינטעלעך אויף דער מאַפּע פון די פינצטערע מעשים פון די זשילינס...

אייןווינקל איז פאַראַן, ווו דער רוסישער זעלנער אָטעמט אָפּ: אין די אָקאָפּעס, בערת די שלאַכטן אויף די פראָנטן. דאָ פאַרשווינדט די שרעק פאַרן ענקאַוועדיסט, די מורא פאַר שווערע שטראָפן און פאַרשיקונג, דאָ ווערט צערינען דער שוואַרצער וואָלקן פון פחד פאַר דער דיקטאַטור. וואָרעם אין די באַפעסטיקטע טראַנשייען האָט זיך געפאָדערט דרייסטקייט, פרייהייט און אייגענע איניציאַטיוו. דאָ האָט מען צווישן זיך חוזק געמאַכט פון די פּאָליט-קאָמיסאַרן און פאַרטיי-העלדן, וואָס האָבן אפילו ניט פאַרזוכט דעם טעם פון מלחמה. „זי וועט — רופט אויס מענדל מאַן, — שוין קיין מאָל ניט אָפּגענומען ווערן, די פרייהייט וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן אויף די פראָנט-ליניעס... די הערשאַפט פון דיקטאַטור וועט מוזן צעטייען“...

דאָס נאַיווע רוסישע פאָלק! די „ענקאַוועדע“ איז געווען קלוגער, געשיקטער. זיי האָבן באַצייטנס באַוואָרנט זייער הערשאַפט. צו מאָרגנס נאָכן גרויסן זיג איז שוין בערלין געווען פול מיט געטריַיע מחנות קנעכט פון רויטן קרעמל,

און זיי האָבן צוריק „דעראָבערט" די שטאָט בערלין — דאָס מאָל פונעם אינעווייניקסטן שונא, פונעם רוסישן מענטשן... און שוין גייען צוריק פון בערלין גאַנצע צוגן מיט פאַרדעכטיקטע „פאַרזינדיקטע" זעלנער און אָפיצירן — צוריק קיין סיביר, קיין אוראַל, צו די אַרבעטס-לאַגערן... עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ נײַע מלחמה — „דעראָבערן בערלין סאָוועטיש, באָלשעוויסטיש".

די מלחמה איז געווונען. דאָס רוסישע פאָלק האָט פאַרשפּילט...

דורך קינסטלערישע בילדער פירט אונדז מענדל מאַן אַרײַן אינעם קרעמל גופא, מיר זעען דאָ דעם לעבעדיקן סטאַלין. מיר זעען די פעדעם וואָס ציִען זיך פון דאַנען ביז בערלין. מיר זעען דעם האַר און מיר זעען די געצנדינערישע אויספירער פון זײַנע געבאָטן. מיר זעען די וואָגשאָל, אויף וועלכער עס וויגט זיך דער גורל פונעם גרויסן לאַנד. עס איז אַ גרויסע וואַגעניש פונעם קינסטלער צו פאַראייביקן אָט די נעסט פון וועלט-אינטריגעס און קליקע-הערשאַפט. מיר זײַנען אינעם סאַמע קדשי קדשים פון דער לאַבאָראַטאָריע פון קאָמוניזם. דער קינסטלער איז געגנוג אָביעקטיוו אויף צו פּרוּוון פאַרשטיין סטאַלינען און זײַנע מיטאַרבעטער, אַרײַנדרינגען אין די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון זייערע נשמות.

די זעלבע וואַגעניש אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז ווען מענדל מאַן פירט אונדז אַרײַן אינעם בונקער פון היטלערס רײַכס-קאַנצעלאַריע. עס זײַנען היטלערס לעצטע מינוטן. אויף דער בינע פון דער וועלט-געשיכטע שפּילט זיך אָפּ אַ גרויסע מעלאָדראַמאַטישע סצענע, אַ „בילק-רעזשיסירטער עפּילאָג פון דער שפּיל" פונעם דײַטשן שגעון-מענטש. מיר זעען היטלערן מיט זײַן „אויסגעקרימט מויל פון פאַראַליטש-אַנפאַלן" — ער שרײַבט זײַן צוואה, אַ זכר פאַר דער „אייביקייט". מען פירט דורך די צערעמאָניע פון זײַן „האָכצײַט" מיט עווא

בראַון. ער באַגייט דערנאָך דעם אַקט פון זעלבסטמאָרד.

איצט יאָגט זיך סטאַלין נאָכן קערפּער פון טויטן היט־לער. ער דאַרף אים כדי צו פאַרפעסטיקן זײַן ראָל פון באַ־פרײַער, כדי צו פאַרלויפן דעם וועג פון די אַליִירטע. ער גרייט זיך אָנצוהייבן זײַן גרויסע אינטריגע און פאַררעטערישע אַר־בעט לגבי די נעכטיקע „קאַמעראַדן אין קאַמף". ער פאַר־לירט ניט קיין צײַט, ער שפּינט די נעץ אויף צו פאַרכאַפּן גאַנץ מזרח־אייראָפּע.

יידן פון פּוילן אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד — גייען דורך די פּײַנען פון זיבן גיהנמס. אַ פאָלק גייט אונטער. זײַנע רעשטלעך קלאַמערן זיך אין לעבן. זיי דערציִען קוים ביזן מאָמענט פון נקמה איבערן בלוטיקן שונא. מנחם לעבט אי־בער ווייטיקלעך די סצענעס פון יידישן חורבן אויף זײַן גאַנצן וועג פון מאָסקווע ביז בערלין. סײַ מנחם אַליין, סײַ די טויזנ־טער אַנדערע יידן וואָס זײַנען צעוואָרפן אין דער סאָ־וועטישער אַרמיי, זײַנען דאָ אַרײַן ניט נאָר כדי צו שלאָגן דעם נאַצישן שונא. זיי גלויבן אַז צוזאַמען מיטן זיג איבער היטלערן וועט קומען גערעכטיקייט פאַרן יידישן פאָלק. זיי גלויבן אַז זייער בלוט־קרבן וועט אויפגענומען ווערן מיט אַנערקענונג און זיי ווײַזן אַרויס קאַמפס־גרייטקייט און גבורה. אָבער זיי, די יידישע זעלנער און אָפיצירן, טרעפן זיך אָן אויף אַן אויסטערלישער באַהאַנדלונג, מען גיט זיי צו פילן: ניין, עס איז ניט קיין יידישע מלחמה.

מענדל מאַן דערציילט וועגן יידישע גענעראַלן און לייַ־טענאַנטן וואָס פירן אויס די געפערלעכסטע מיליטערישע אויפגאַבעס. זיי טראָגן מיט שטאָלץ זייער יידישן נאָמען. זיי זײַנען די געטרײַסטע זין פון דער סאָוועטן־מלוכה. זיי ווייסן אַז מנחם שטאַמט פון פּוילן, און זיי באַציִען זיך צו אים מיט באַזונדערן געפיל. אין רירנדיקע מאָמענטן רעדן

זיי צו אים יידיש. אַ היסטאָרישע פייערלעכקייט שטעקט אין מנחמס ווערטער: „מאָרגן וועל איך זײַן אין בערלין". אמת דראַמאַטיש איז די סצענע ווען דער יידישער לייטע־נאַנט אָשאַנין רינגלט אַרום אַ ביר־קעלער מיט אַ געזינדל דײַטשע הויך־ראַנגיקע מיליטער־לײַט: „איין פּאָר יידישע אויגן אַנטקעגן די קנאָכיקע, האַרטע, אומהיימלעך־פרעמדע פּרצופים". „הענדע האָך!" קאָמאַנדירט אָשאַנין און ער גיט זיי דרײַ מינוט אויף זיך אונטערצוגעבן.

אין די רשימות פון די אויסגעצייכנטע אָפיצירן זײַנען דאָ צענדליקער יידישע נעמען. דאָס איז דער סך הכל פון נעם יידישן בלוט־צושטײַער צו דער מלחמה מיט היטלערן. אויפן בראַנדענבורגער טויער הענגען בילדער פון די העלדן. וואָס האָבן זיך די ערשטע אַרײַנגעריסן קיין בערלין: איוואַן גריגאָריעוו און דער גוואַרדיע־סערזשאַנט אהרן שינדער. דאָס איז דער יידישער נצחון.

אָבער די יידן שטויסן זיך אָן וואָס ווײַטער אויף אַלץ מער אומצוטרוי און אומפאַרשטענדעניש. בײַם פּשוטן רו־סישן פאָלקס־מענטש קומט דאָס אַרויס פּרימיטיוו און גוט־מוטיק. די אינטעליגענטן פאַרדעקן עס מיט נאַציאָנאַלע טע־אָריעס און פּאַטריאָטיזם. יידיש פאָלק, יידיש פּראָבלעם — איז פאַר זיי אַ שווערע רעטעניש. אין זייערע רייד — אַ סך קנאה און שנאה, אומצוטרוי צום „וועלט־יידנטום".

גאָר שלעכט איז די האַלטונג פון די אַפּאַראַט־מענטשן — די וואָס פירן אויס קנעכטיש די דירעקטיוון פון אויבן. איצט זײַנען זיי כלומרשט באַזאָרגט מיטן פּראָבלעם יידן נ אָ ך דער באַפרײַאונג פון די אָקופּירטע רוסישע געביטן. צו וואָס שפּאַרן זיך אַזויפיל יידן קיין מאָסקווע, קיין קיעוו? איין הויכער שררה (מען קען שווערן אַז דאָס איז כרושטשעוו) באַרימט זיך: „איך בין דער בעלעבאָס פון אוקראַינע, ווייסטו אַז איך לאָז ניט אַרײַן די יידן קיין קיעוו?" פאַר־

שטייט זיך, ער טוט עס צוליב דער טובה פון יידן גופא... זאָלן זיי גיין וואָס מער אויף דרום, קיין כערסאָן און נאָך ווײַטער...

דאָס איז די נײַע באַציִונג צו יִדן: וואָס ווייניקער דערמאָנען יידישע העלדן. די פאָן פון נצחון איבערן רײַכס־טאָג ציִען אַרויף אַ רוסישער סאָלדאַט און אַ ג ר וז י נ ע ר. די יידן וואַרפט מען פאָר אַז זיי האָבן אַ בלינדע שנאה צו די דײַטשן. דאָס פּאַסט זיך ניט צו דער נײַער סיטואַציע: די סאָוועטן פאַרמעסטן זיך אויף אַ גרויס שפּיל מיטן דײַטשן פאָלק... די יידן וואַרפט מען פאָר אַז זיי זײַנען צו פיל אי־זאָלאַציאָניסטיש.

איינער פון די רוסישע הויף־פּאָעטן טענהט צו מנחמען: די אַלע יידישע שרײַבער און פּאָליטיקער וואָס דינען איצט דעם סאָוועטישן קאָמוניזם זײַנען ניט מער ווי „מאָדערנע פּריקאַשטשיקעס“: „איר האָט די ערשטע געשפּאַנט צום קאָמוניזם און איך האָב דאָס געפיל, אַז אויך דעם קאָמוניזם וועט איר פאַרראַטן, ניין, דער קאָמוניזם וועט אײַך פריִער פאַרראַטן, ער וועט אײַך צעטרעטן“...

יידישע סאָלדאַטן לויפן באַגעגענען די יידישע זעלנער פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. זיי חברן זיך און פרייען זיך מיט זיי. דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די חשדים און דעם אומצוטרוי צו די יידישע זעלנער.

אויך די שארית הפליטה אין פּוילן דערפילן אינגיכן דעם נײַעם קורס פון דער סאָוועטישער אָקופּאַציע־מאַכט. און ווען מנחם ווערט צוריק מגולגל קיין פּוילן ווו ער טרעפט זיך מיט אַנאַן, שפּרייט זיך אויס אַ נײַע נעץ פון אינטרי־געס און שפּיאָנאַזש קעגן זיי. אַנאַ ווערט אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין די ווײַטע מקומות. עס איז ניט נאָר די נקמה פונעם אייפערזיכטיקן זשילינען, עס איז אויך די קאָנ־סעקווענץ פונעם נײַעם אַנטי־יידישן קורס...

דער סטיל און ריטעם פונעם בוך גייט מיט אין גיסט זיך צונויף מיט זײַן אינהאַלט. די בילדער פון מלחמה־גאַנג, די סטראַטעגישע פּלענער און קריגס־אָפּעראַציעס זײַנען אַי געשילדערט און אַי געמאָלן. ער פלעכט־צונויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע סטילן וואָס שאַפן אַ גרוים בילד. מענדל מאַן שרײַבט נישט די געשיכטע פון דער מלחמה. ער שרײַבט אַ „ראָמאַן", אים גייט דער עיקר אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דער תקופה און איר טראַגיק, און אין דער טראַגעדיע פון יידישן פאָלק. אים גייט אין די איבערלעבונגען און דער־פאַרונגען פונעם יחיד מנחם, וואָס אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק פון דער תקופה און פון די פעלקער.

מנחמס ראָמאַן מיט אַנאַן איז ניט קיין טיפּישע ליבע־געשעעניש. זי פאַרמאָגט ניט קיין מאָמענטן פון לײַדנשאַפט און עראָטיק. עס איז גיכער אַ „ראָמאַן אין בריוו". עס איז כמעט אַ פּלאַטאָנישע ליבע, איבער איר איז אויסגעגאָסן אַ יידישער חן און יידישער צער. אַנאַ באַצאָלט מיט איר פרײַהייט פאַר דער ליבע. פאַר אַנאַן ברענגט די דערנענטערונג מיט מנחמען אַ נײַע וועלט, אַ יידישע. די יונגע מאָסקווער דאָקטאָרין באַקומט אַן אייגן פאָלק, זי דרינגט אַרײַן אין זײַן טראַגעדיע און קאַטאַסטראָפע. זי ווידמעט זיך דער רעטונגס־אַרבעט פון יידישע פאַרוואָרלאָזטע קינדער, און דאָס ברענגט איר מאָראַלישע באַפרידיקונג. מנחמס איידעלער כאַראַקטער האָט פאַר איר אַנטפּלעקט אַ נײַע, צאַרטע, יידישע נשמה־וועלט. די פאַרפאָלגונגען און אומזיניקע באַשולדיקונגען וואָס מנחם האָט דורכגעמאַכט אין דער אַרמיי, עפענען אַנאַס אויגן צו פאַרשטיין דאָס שלעכטס פונעם סאָוועטישן רעזשים. צוזאַמען מיטן אָפּרופן זיך פון איר שטאַט, איז געקומען דער נײַער רוסיש־מלוכהשער באַנעם. מענדל מאַן האָט מיט אַ סך קינסטלערישן טאַקט און קלוגשאַפט אַרויסגעבראַכט פאַר

די לייענער אָט די ליבשאַפט צווישן צוויי יונגע מענטשן.
מנחם אַליין איז ניט קיין קאָמפּליצירטע געשטאַלט, מיט אינערלעכע מאַטערנישן און נשמה־ראַנגלענישן. זײַן פּסיכישער צושטאַנד איז אויבנאויפיק און ער איז מער אַן אָ ב י ע ק ט פון פרעמדע אָנגריפן. זײַנע לײַדן זײַנען אַ רעזולטאַט פון אויסערלעכע געשעענישן, און די הויפּט־אַקס פון זײַנע איבערלעבונגען און לײַדן — איז זײַן יידישער געפיל און באַוווּסטזײַן. ער איז עמפינדלעך צו יעדן אומרעכט און פאַרדאַכט בנוגע יידן. זײַן יידיש געפיל איז אויסערגעוויינלעך שאַרף. ער פילט די שליחות פון נעמען נקמה אינעם דײַטשן שונא — פאַר זײַן אומגעקומענער משפּחה, פאַר זײַן פאַרטיליקט פאָלק אין פּוילן. ווי אַ פאַרלוירן שפּענדל אין גרויסן ים איז ער אַרײַנגעפאַלן אין די טיפענישן פון רוסישן פאָלק און אים ליב באַקומען. אָבער ער איז דאָך אַ פרעמדער. אַ פרעמדער אין דאָרף, אין דער קאַזאַרמע, אין די מוראַנשייען. דער יידישער טרויער פאַרלאָזט אים ניט אויף קיין מינוט. ווען ער טרעפט זיך פּנים אל פּנים מיט געפאַנגענע דײַטשן, באַמיט ער זיך עס זאָל אים ניט באַהערשן די שאָדן־פרייד און די אָנגעזאַמלטע שנאה. ניט ווען דײַטשע יחידים גייט עס, נאָר ווענן דעם אורטייל איבערן „טויזנט־יאָריקן רײַך". ער היט זיך ניט פאַרשיכורט צו ווערן פון די מאָמענטן פון נצחון. און ניט צו געניסן פון די דײַטשע רײַכטימער און פון זייערע פרויען. פונעם שווידערלעכן גיהנום פון דער מלחמה גייט מנחם אַרויס אומבאַפלעקט. דער ייד אין אים האָט געראַטעוועט דעם מענטשן.
צוויי איינגשאַפטן צייכענען מענדל מאַנס ווערק. זײַן מעטאָד פון ב י ל ד ע ר י ש ק י י ט און זײַן מעטאָד פון ע מ אָ צ י אָ נ ע ל ע ה ש ת פ כ ו ת ה נ פ ש.
זײַן בילדערישקייט איז אויך שטענדיק פאַרבונדן מיט

עמאָציאָנעלע אַסאָציאַציעס. ווען ער שילדערט למשל, די רוסישע קראַנקן־שוועסטער , דערציילט ער אַז „איר קול איז פול מיט וואַרעמקייט, מיט ליכט, עס דערמאָנט אין די אומענדלעכע ברויט־פעלדער אויף וועלכע מען הערט דעם קאָסע־געקלאַנג און דאָס ווייטע געזאַנג פון סנאָפּע־בינדע־רינס". די רוסישע וועגן, וואָס ווערן באַטראָכטן פון די פּאַר־אויסגייענדיקע רוסישע אַרמייען, מאָלט ער אַזוי : „די וועגן זיינען איצט געגליכן געווען צו די הייסע בלוט־אַרטעריעס פון אַן אויפגעוואַכטן בער וואָס האָט זיך אויפגעריסן פון זיין לאַנגן ווינטער־שלאָף. אַלץ אין אים איז געשפּאַנט און גרייט צום שפּרונג און צום מעכטיקן פרייד־געשריי".

צענדליקער טיפּן פון זעלנער און אָפיצירן, פון רוסן און דייטשן, פון פויערים און אינטעליגענטן — זיינען גע־געבן אין בוך. יעדערער ווי אויסגעשניצט, באַשאַנקען מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע תנועות, יעדערער מיט זיין פּסי־כאָלאָגיע און אין דער ראַם פון זיין היים און פון זיין אַמאָל.

אומפאַרגעסלעך איז די שטילע מאָלערישע סצענע ווען מנחם באַטרעט דאָס ערשטע מאָל, אויפן וועג קיין בערלין, די ערד פון זיין היים, די חרוב־געוואָרענע וואַרשע. אין ים פון וויסטעניש דערזעט ער — עס שטייט אַ מענטש ווי פאַרגליווערט. מנחם האָט אים לאַנג אָבסערווירט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אויך אַ צוריקגעקומענער ייד פון דער שארית הפליטה. ער איז צוגעגאַנגען צום יידן און אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט : „מיר זיינען צוריק געקומען אַ־היים"... דער ייד האָט געענדיקט זיין אָוונט־תפילה, ער האָט קדיש געזאָגט נאָך זיינע אייגענע אויסגעראָטענע... אין די דינע שטריכן פון דעם בילד איז דאָ שטילקייט און טרוי־ער. זעלבסט־באַהערשטקייט און גלויבן אין יידישן קיום.

מנחמען שווימען אויף יעדעס מאָל בילדער פון זיין קינדהייט. זיין בילד פונעם זעקס־יאָריקן יינגל וואָס טרוימט אַז

דער גלאָקן־ציִער פֿונעם אָרטיקן קלויסטער זאָל אים דער־
לויבן כאָטש איין מאָל אַ ציִ טאָן דעם גלאָקן־שטריק —
איז פּרעכטיק לויט זײַן אומומיטלדיקייט און לויט דער
פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן קינדס פּסיכאָלאָגיע. דאָס בילד
שפּיגלט אָפּ די אַמאָליקע אידיליע פֿונעם יידיש־פּוילישן
שטעטל...

פֿאַראַן פּאָרטרעטן אין בוך, וואָס זײַנען באמת פֿון גרוי־
סן פֿאַרנעם: דאָס יידישע יינגל דאָברוש, דער וואָלאָכאָוועץ
זיפֿונאָוו. די רוסישע סאָלדאַטן דערמאָנען כסדר דעם היי־
מישן דאָרף מיט זײַן מנוחה, מיט זײַן שיינקייט און האַר־
ציקייט, — אין צענדליקער בילדער פֿאַראייביקט מענדל
מאַן דעם געמיט פֿונעם רוסישן מענטשן.

עס איז אַ בלוטיקע מלחמה, מיט גרויזאַמע שפּורן אויף
יעדן שריט. דעם מענטשנס לעבן הענגט אויף אַ האָר. אַרום
אַ סך הפקרות און אומזין. אָבער מענדל מאַנס העלד פֿאַר־
לירט ניט זײַן מענטשלעכן פּרצוף. ער זוכט כסדר „די גרע־
נעץ פֿון שלעכטס און גוטס, פֿון רויבער און באַרויבטן".
די ערד איז גלײַכגילטיק, געדולדיק. די הימלען שווײַגן —
קוקן זיך צו צו די מעשים פֿון די מענטשן־קינדער. זאָל דער
מענטש זײַן בעסער פֿון זיי? דער מענטש „איז דאָך נאָר
דער ערדס שטויב"...

און ציִ קען מנחם פֿאַרגעסן זײַן יידישן אָפּשטאַם און
כאַראַקטער? און עס רײַסט זיך אַרויס פֿון אים אַ תּפֿילה:
„אָ, גאָט, באַשיץ מײַנע אומרויִקע טריט אויף דער
פֿרעמדער בייזער ערד און דערפֿיר מיך אַהין, צו דער דאָ־
זיקער שטאָט, וואָס ליגט אויף יענער זײַט טײַך, דערפֿיר
מיך קיין בערלין. גיב מיר כּוח. איך וויל אויף די מויערן
פֿון דער שטאָט אויסקריצן דעם צייכן פֿון דײַן פֿאָלק. איך
וויל אַז מען זאָל וויסן, אַז דער איינזאַמער ייד, וואָס האָט
די מלחמה שוין פֿאַרשפּילט, האָט אָבער געוווּנען די גרוי־

סע שלאַכט מיטן צורר". דאָס איז זײַן טרוים און געבעט: ער זאָל מיט זײַנע אייגענע אויגן דערזען די חורבות פון דער דײַטשער הויפּט־שטאָט — די דאָזיקע „נעסט פון פאַר־ברעכן"; ער זאָל דערלעבן צו זען גאָטס „צאָרנדיקן גזר איבער די פאַרטיליקער".

ניט נאָר וועגן זיך און וועגן יידן בעט ער גאָט. ער איז אויך באַזאָרגט וועגן די רוסישע מענטשן, אַז אין אָט דער פײַערלעכער שעה פון פאַרנעמען בערלין — „זאָלן זיי זיך ניט פאַרוואַנדלען אין ווּסטע פאַרגוואַלדיקער און הפקר־מענטשן... זאָל דער נצחון, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט אַזוי פיל בלוט, ניט פאַרפלעקט ווערן"... „שטראָף זיי ניט, גאָט — רופט ער אויס, — די וואָלגע־מענטשן, פאַר דער הפקרדיקער נאַכט פון מאָרד און פאַרגוואַלדי־קונג. ווען דו וואָלסט דאָרט געווען יענע נאַכט, וואָלסטו אַזוי ווי איך פאַרשטעלט מיטן אָרעם דײַן פּנים און גע־שוויגן".

טיפע מענטשלעכקייט, מאָראַלישע דערהויבונג רעדט אַרויס פונעם שריפטשטעלער אין אָט די ווענדונגען צו גאָט. שיינקייט און איידעלער געפיל דערהייבן זיך איבערן מל־חמה־יאָמערטאָל. „דאָס פאַלן פון בערלין" איז טאַקע אַ מלחמה־בוך, אַ באַשרײַבונג פון גרויזאַמע טאַטן און שלאַכטן; די אַטמאָספער איז פאַרסמט פון די נקודה־פאַרשווינען. אָבער עס שײַנט אַרויס פון גאַנצן בוך — דער מ ע נ ט ש. דאָס לעבן גייט אָן ווײַטער. דער טאָג פון גערעכטיקייט וועט קומען פאַר אַלעמען.

אין „צוקונפט" האָט מענדל מאַן אָפּגעדרוקט אַ גרויסן אַרטיקל א. נ. „פון מאָסקווע ביז בערלין". עס איז אַ מין פּאָסטסקריפּטום צו זײַנע ביכער. עס איז ווי אַ זעלבסט־אַנאַליז און אַ פעסטער ענטפער צו יענע, וואָס וועלן ספקן,

צי איז ניט זײַן װערק צו נאַציאָנאַליסטיש, צי האָט ער זיך נישט פאַרנומען צופיל מיט ייִדן, צי איז ער געװען גענוג אָביעקטיװ בנוגע ייִדן און רוסן.

מענדל מאַן גייט דאָ נאָך אַמאָל אַדורך די טרויעריק־העראָאישע כראָניק פון יענע יאָרן. ער קאָנטראָלירט זײַנע איבערלעבונגען און זײַן אָפּשאַצונג פונעם רוסישן פאָלק און סאָװעטישן רעזשים. ער קאָנפראָנטירט יענע געשעענישן מיט דעם אַלעם, װאָס איז געקומען אין סאָװעט־רוסלאַנד נ אָ ך דעם זיגרײַך־פאַרענדיקטן קריג. ער לעבט נאָך אַ מאָל איבער די פאַרקריפּלונגען פון „רויטן אַנטי־סעמיטיזם", די פֿײַנלעכע באַציִונג צו ייִדן אין דער סאָװעטישער אַרמיי, דאָס טעמפּע איגנאָרירן דעם ייִדישן בלוט־שטײַער און קאַמפּס־העראָאיזם אויף אַלע פראָנטן. און איבער דעם אַלעמען „װיינט זײַן האַרץ" איבערן גורל פון דעם „װוּנדערלעך־גרויסן לײַדנדיקן רוסישן פאָלק", װעלכן ער רופט צו דערװאַכונג.

דער דאָזיקער פּובליציסטישער אַרטיקל פון מענדל מאַן, פּונקט װי זײַן פֿײַערלעכע רעדע אין פּאַריז װאָס איך ציטיר אין מײַן פאָרװאָרט, — ביידע זאַכן גיבן אונדז אַ שליסל צום אָפּשאַצן דעם תוך און דעם מעטאָד פון זײַן קינסטלערישער שאַפונג. מיר זעען אין די ביכער אַ סך קינסטלערישע צילבאַװוּסטקייט און פאַרטיפטקייט, מיר זעען דאָ אויסגעהאַלטענע מעטאָדן פון קונסט און דיכטונג. דאָס סאָציאַלע, אינדיװידועלע און נאַציאָנאַלע — גיסן זיך צונויף אין אַ גאַנצע איינהייט. אין אַ װאַלד פון גרויסע און גרויזאַמע געשעענישן און סצענעס, אַרומגערינגלט מיט מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער און גײַסטיקע מדרגות; מיט אַ האַרץ װאָס בלוטיקט, פראָטעסטירט און רעבעלירט, — פאַרבלאָנדזשעט ניט און פאַרלירט זיך ניט דער קינסטלער. ער בלײַבט געטרײַ זיך אַליין, און מיט דער גאַנצער

אופריכטיקייט און אָפנהאַרציקייט ברענגט ער אַרויס אַלץ וואָס ברענט און קאָכט אין אים.

נאָכגייענדיק די מלחמה־געשעענישן טריט ביי טריט און כמעט כראָנאָלאָגיש, היט זיך אויס דער שרייבער ניט אַרייַנצופאַלן אין רעפּאָרטאַזש־מעסיקייט, ער לאָזט אַדורך אַלע געשעענישן דורך דער פּריזמע פון זיינע געזונטע חושים, פון זיין קראַפט צו אָבסערווירן און זען. געפינענדיק זיך די גאַנצע צייט אין טונקעלן שאָטן פון פעלקער־שנאה, פון טעמפּע אַנטי־ייִדישע האַנדלונגען, — היט ער זיך אויס פון נאַציאָנאַליסטישע אָדער ראַסיסטישע אויסדרוקן און באַמערקונגען.

אַרומגערינגלט מיט אַ ים פון בלוט און וווּנדן, פאַרלירט ער ניט דאָס ריין־מענטשלעכע, דאָס גייסטיק־שיינע און דערהויבענע. ער מיידט אויס אַלע שטרויכלונגען וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן דערציילן וועגן דער גרויסער וועלט־מלחמה, — און ער קומט אַרויס זיגער פון וואָרט און קונסט.

נאכט איבער גלושינא

פריער איז געקומען דער באַנד „ביי די טויערן פון מאָס־קווע“, שפּעטער — „ביי דער ווייסל“ און צום סוף „דאָס פּאַלן פון בערלין“. אויפן וועג קיין בערלין האָט זיך מענדל מאַן אַרייַנגעכאַפּט אין אַ רוסיש דערפל גלושינאָ, און אין רעזולטאַט האָט ער באַרייַכערט די יידישע ליטעראַטור מיט אַן אמתע פּערל וואָס טראָגט דעם נאָמען „נאַכט איבער גלושינאָ“. אויך דאָס איז אַ מלחמה־עפּיזאָד, עס איז אָבער אַ סך מער ווי דאָס...

גלושינאָ איז אַ פאַרוואָרפן דערפל וואָס ליגט טיף אין די בלאָטעס, אָפּגעריסן פון גאָטס וועלט, אַרומגערינגלט מיט זומפּיקע פעלדער. קיין שום וועג, קיין שום סטעזשקע פירט נישט אַהין. גלושינאָ איז פאַרשלאָסן אין זיך, לעבט זיך אוים אין קליינעם קרייַז פון אירע אייַנוווינער. דאָ איז דער סוף פון דער וועלט. די מענטשן לעבן אין זיך, מיט זיך. שטיל איז אין גלושינאָ. ערגעץ קומט פאָר אַ גרויסע בלוטיקע מלחמה, אָבער צו די מענטשן פון גלושינאָ דערגייען נישט די קנאַלן פון די האַרמאַטן און דער גערויש פון די עראָ־פּלאַן־מאָטאָרן. קיין שום מאַכט האָט זיי נישט מאָביליזירט צום קריג, קיין קאָנטאַקטן מיט די רעגירונגס־אַפּאַראַטן האָבן זיי נישט...

מענדל מאַנס „גלושינאַ“ איז אין תוך אַ רעאַליסטיש ווערק, אָבער עס איז באַהויכט מיט אַ וווּנדערלעך־ראָמאַנטישן אָטעם. עס פאַרמאָגט אַ סך ליבשאַפט צום מענטשן און אַ סך מיטלייד צום מענטשנס לעבנס־דראַמעס. און געשריבן איז דאָס ווערק אין אַ ריטמישער פּראָזע וואָס קלינגט ממש ווי אַ פּאָעמע. די פאַרוואָרפענע טאָרף־פעלדער האָט מענדל מאַן פאַרוואַנדלט אין אַ געזאַנג פון טרויער און שרעק, אין אַ געזאַנג פון מענטשישער אומזיכערקייט און אומבאַהאָלפנקייט. שיינקייט און ווילקלינגעוודיקייט איז אויסגעגאָסן איבער דער גאַנצער דערציילונג. איך ברענג נישט בכיוון קיין איין ציטאַטע פון בוך, ווייל יעדער זאַטל, יעדער שורה בעט זיך: שרייב מיך אויס. ברענג מיך צו דער אויפמערקזאַמקייט פונעם לייענער. עס איז מייסטערשאַפט פון וואָרט און פענדזל. דאָ זיינען פאַראייניקט אַלע מעלות פון אַ נאַטור־שילדערער, פון אַ פּאָרטרעטיסט און אַ פּסיכאָלאָג, און איבער אַלץ — פון אַ קלוגן סימבאָליקער...

גלושינאָ איז אַ שטיל, גליקלעך ווינקל. מענטשן זיינען פריינדלעך און גוטמוטיק, פּרימיטיוו־רעליגיעז און מיט פּויערישע איינרעדענישן און איינגלויבענישן. די גלושינער מענטשן באַגניגענען זיך מיטן מינימום, זיי האַלטן זיך שטיל און נידעריק. זיי נעמען אָן פאַר ליב זייער אָפּגעשלאָסן ווינקל מיט זיינע באַגרענעצטע לעבנס־מעגלעכקייטן. זיי טוליען זיך איינער צום צווייטן.

אָבער נישט באַשערט געווען איז גלושינאָ צו פאַרבלייבן אין איר אָפּגעשלאָסנקייט. די מלחמה האָט זיך צו זיי דערקייקלט און אויף אַן אומגעריכטן אופן. אָפּגענומען איז געוואָרן די מנוחהדיקייט פון גלושינאָ, צעשטערט געוואָרן דאָס נעבעכדיקע גליק, האַס און גיפט האָט פאַרכאַפּט זייער גאַנץ לעבן...

ווי אַזוי איז עס געקומען צו דער איבערקערעניש ? אַ קליינע

אויסשפיר־גרופּע פון דער סאָוועטישער אַרמיי האָט מיט אַ צײַט צוריק באַקומען אַן אויפגאַבע אַריבערצוגיין די פראָנט־ליניע און אָנהייבן אַ טעטיקייט אין דײַטשן הינטערלאַנד. איז אָבער געשען אַזוי, אַז די דײַטשן טרעטן אָפּ פון זייערע צײַטווײַליקע פּאָזיציעס און זיי שטויסן זיך אָן אויף דער רוסישער אויסשפיר־גרופּע און זיי הייבן אָן איר צו פאַר־פאָלגן. די רוסישע גרופּע טרעט אָפּ, באַהאַלט זיך אויס, און צום סוף ווערט זי פאַרבלאָנדזשעט אין די זומפּן וואָס רינ־גלען אַרום גלושינאָ. פאַרלוירן דעם וועג, נישט אַרויסצוראַ־טעווען זיך פון די פאַרכישופטע זומפּן, אין מורא פאַר די דײַטשן, אָן שום קאָנטאַקט מיט די אייגענע, מיטן רוסישן שטאַב. זייער פּערספּעקטיוו — אויסצוגיין פון קעלט און הונגער, אײַנזונקען אין די טאָרפן און בלאָטעס; אָבער דער פאַרלוירענער גרופּע רוסישע זעלנער גליקט אָפּ, איינער פון זיי לאָזט זיך אַוועק אַליין זוכן עפּעס אַ וועג, אַ זײַטיקן שטעג — און ענדלעך דערזעט ער פון דער ווײַטנס גלושינאָ. ער קומט צוריק צו זײַנע חברים מיט דער פרייִדיקער בשורה, און זיי לאָזן זיך אַלע פאַרזיכטיק אַהין.

עס איז אַ מיליטעריש־דיסציפּלינירטע גרופּע אונטער דער פירערשאַפט פון לייטענאַנט לושין. מענדל מאַן גיט אונדז אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם די פּאָרטרעטן און די כאַ־ראַקטעריסטיקעס פון די זעלנער וואָס פון זיי באַשטייט די עקספּעדיציע־גרופּע. דאָס זײַנען מעטאַל־געגאָסענע סקולפּטורן. מיר פאַרגעדענקען יעדערן פון זיי, אַלע שטייען זיי אונדז פאַר די אויגן. אויפן זעלביקן אופן זײַנען געמאָלן די מענטשן פון דאָרף גלושינאָ. יעדערער פון זיי ווי העלדן פון אַלטע רוסישע בילינעס, יעדערן פון זיי — כאָטש נעם און שטעל אים אַרײַן אין אַ איקאָנע.

לכתחילה נעמט גלושינאָ אויף די געקומענע רוסישע

סאָלדאַטן מיט האַרציקייט און רחמנות-געפיל. מע גיט זיי ברויט צו זעט; וואַרעמע קליידער. מע נעמט זיי אַרײַן אין די שטובער זיי זאָלן זיך אָנוואַרעמען, אויסשלאָפן, אויסרוען. אין עטלעכע טעג אַרום שטאַרבט דער אָנפירער פון דער גרופע, לושין, און עס שטעלט זיך די פראַגע: וואָס ווײַטער? ווי אַזוי האַלט מען אײַן די דיסציפלין פון די סאָלדאַטן? ווי אַזוי געפינט מען אַ קאָנטאַקט מיטן שטאַב? וועט מען זיי נישט פאַרמשפטן ווי דעזערטערן? און אויב בלײַבן אין אָרעמען הונגעריקן גלושינאָ — ווי אַזוי אָרגאַניזירט מען זיך — מיט עסן, מיט קליידונג, מיט וווינונג? עס פאַלט לסוף אַ באַשלוס: פאַרבלײַבן, העלפן גלושינאָ מיט אַר-בעט, איניציאַטיוו, אָרגאַניזאַציע און פאַרוואַנדלען עס אין אַ מוסטער-דאָרף, אין אַ ווונדער-דאָרף. מ׳האָט געפונען אַן אַלטע פאַרלאָזטע שטיינערנע געבײַדע אויפן באַרג, — און מ׳האָט זי פאַרנומען, געבראַכט אין אָרדענונג און זיך פאַר-פעסטיקט דאָ. אַראָפּגעבראַכט דאָס באַהאַלטענע געווער, אָר-גאַניזירט שטענדיקע שמירה, כלומרשט אין שוץ קעגן שונא...

צוביסלעך ענדערן זיך די באַציִונגען צווישן די נײַגע-קומענע און די אָרטיקע פויערים. ניטאָ מער קיין צוטרוי צו די אַרײַנדרינגערס. אַ סך פון זיי פירן זיך אויף זייער שלעכט, זיי נעמען צו בײַם פויער וואָס זיי געפעלט. פון די שיינע רייד וועגן פאַרוואַנדלען גלושינאָ אין אַ גן-עדן — קיין זכר נישט. מיטן כוח פון די ביקסן הייבן אָן די אַרײַנדרינגער צו הערשן און קאָמאַנדעווען איבער די אָרטיקע מענטשן. פון צײַט צו צײַט דערשיסט מען דעם — יענעם. די באַ-פעלקערונג ווערט נאָך אָרעמער, אויסגעשעפּט ווערן אַלע זאַפּאַסן. די מענטשן גייען אַרום אין שטענדיקן פחד. די יינגערע הייבן אָן אַנטלויפן פון דאָרף. די נײַע מאַכט פירט דורך רעקוויזיציעס, זי שטעלט פאָדערונגען צו יחידים און צום כלל, זי זויגט אויס דעם לעצטן טראָפּן בלוט פונעם

פאָלק. עס גייט זיי נישט אָן די צוקונפט פון גלושינאָ, עס איז הפקר.

אָבער צוזאַמען מיטן טעראָר און כאַאָס קומען בלוטיקע סיכסוכים און פאַרראַטן צווישן די אַרײַנדרינגער גופא. די גרופּע ווערט פולשטענדיק דעזאָרגאַניזירט. עס הערשט איבער איר דער געהיימניספולער „געשטופּלטער פּאָפּ" דזשיגיטאַ. ער האָט דאָ זײַנע געטרײַע חסידים, ער איז פאַר זיי דער גרעסטער אויטאָריטעט, ער פאַרכישופט זיי מיט זײַן שטאָלקאַלטקייט, מיט זײַן בלוט־אַנטשײַדנקייט...

אינעווייניק אין דעם „שטיינערנעם טורעם" וואַקסט די דעמאָראַליזאַציע, דער הונגער פירט צו פאַרצווייפלונג. איינער געטרויט נישט דעם צווייטן. קיין אויסוועג זעט זיך נישט. די באַפעלן וועגן רעקוויזיציעס ברענגען נישט קיין שום פעולה, עס העלפן נישט די טויט־שטראָפן, עס העלפן נישט די באַוואָפנטע עקספּעדיציעס... די אָרטיקע ווערן אַלץ דרייסטער אין שטילן ווידערשטאַנד. דזשיגיטאַ זוכט אַן אָנשפּאַר אין די פּאָר מענטשן וואָס זײַנען אים געטרײַ, ער אינטריגירט קעגן איינעם און אַ צווייטן, ער פאַרגרעסערט נאָך די דעמאָראַליזאַציע אין דער אייגענער סביבה. דזשיגיטאַ העצט צו נײַע טעראָר־אַקטן.

פאַר די אָרטיקע אײַנוווינער זײַנען די נײַגעקומענע — שדים, אַנטיקריסטן. די לעצטע פאַרנאַרן צו זיך די גלושינער טעכטער — און דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די שנאה צו די פרעמדע. די אַרײַנדרינגער ענטפערן מיט נײַע טעראָר־אַקטן, זיי דערטרינקען די גלושינער העצערס און „בונטאָווּשטשיקעס" אין די זומפּן — שטילערהייט, אין די נעכט. אָבער עס העלפט נישט. עס העלפט אויך נישט די פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע פונעם איינציקן יידן וואָס איז דאָ פאַראַן אין דער גרופּע און וואָס דינט קנעכטיש דעם פירער דזשיגיטאַן. דער לעצטער ציטערט פאַר זײַן אייגן לעבן — עס

קומען קלאַנגען אַז די פּויערים ווילן אים דערהרגענען. ער איז פול מיט חשדים קעגן די אייגענע, ער זעט אומעטום פאַרראַט...

די מיליטערישע איינהייט צעפאַלט זיך ראַשיק... אַנט־לויפן? זיך צוריקציען פון גלושינאָ? ס'איז שוין צו שפּעט... גלושינאָ ברענט... דער „געשטופּלטער פּאָפּ" — דער פירער און דיקטאַטאָר פאַלט פון די הענט פון איינעם פון דער גרופּע...

— — — ...איז עס גלושינאָ? ניין, דאָס איז דאָך דאָס גרויסע רוסישע פאָלק... דאָס זײַנען די באָלשעוויקעס מיט זייער איבערקערעניש וואָס זיי האָבן דורכגעפירט אין לאַנד. דאָס איז דאָך זייער צע־קאַ און טשעקאַ, זייער טעראָר און פאַרניכטונג. דאָס איז דאָך דער כאַאָס וואָס זיי האָבן גע־בראַכט אויפן שטילן רוסישן פאָלק. מענדל מאַנס פּאָרטרעטן — דאָס זײַנען דאָך די באַקאַנטע פירער פון די באָלשע־וויקעס...

יאָ, דער לייענער כאַפּט זיך — ס'איז דאָך אַ גרויסע אַלעגאָריע, אַ גרויסע סאַטירע איבער דער ממשלה פון די קאָמוניסטן אין אומגליקלעכן לאַנד. דער שטיינערנער טורעם — דאָס איז דאָך דער קרעמל, און דאָס זײַנען זײַנע פירער וואָס הערשן איבערן פאַרפּײַניקטן לאַנד.

עס איז אַלץ איינס צי די אַלעגאָריע איז במחשבה תחילה פאַרטראַכט געוואָרן דורכן קינסטלער, אָדער זי איז געקומען אין פּראָצעס פון זײַן באַשרײַבן אַן איבערגעלעבטן מלחמה־עפּיזאָד. דער קינסטלערישער עפעקט איז דערגרייכט. די שטילקייט און די פאַרשטעלטקייט פון דער פּאָליטישער כוונה איז אויסגעהאַלטן. דער קינסטלעריש־עסטעטישער עקספּע־רימענט איז דעם אויטאָר געלונגען.

על נהרות פוילן

עס איז אַ נאָמען וואָס רופט אַרויס יידיש־געשיכטלע־כע אַסאָציאַציעס. עס פאַרבינדט דעם יידיש־פּוילישן נעכטן מיטן אַמאָל און מיטן גאָר־אַמאָליקן נעכטן.

דאָס בוך האָט כמעט נישט קיין סיפּור־המעשה, עס „געשעט" דאָ כמעט גאָרנישט מיטן הויפּט־העלד, כאָטש עס גייט פאַר אונדז פאַרביי זיין לעבן פון די קינדער־יאָרן ביזן רייפן עלטער. און דאָך איז דאָס בוך אָנגעגליט מיט געשעענישן, וואָס נעמען אַרום דאָס גאַנצע פּוילישע ייִדנ־טום אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג. עס וויגט זיך דער גורל פון לאַנד און פון פּוילישן יידנטום. איר פילט די שטי־מונגען און אַנונגען פון יחידים און פון כלל. די גאַלעריע פּערזענלעכקייטן און טיפן איז אומגעהייער גרויס, — מיר זעען זיי אַזוי ווי אין אַ פילם. פאַרביילויפנדיק, ציטערנדיק, נשמה־פלאַטערנדיק, אונטערן גורל אונטעריאָכטע.

עס איז דאָס שוואַנען־געזאַנג פון פּוילישן יידנטום. זיין לעצט וואָרט און זיין צוואה. עס איז אַזוי ווייט פון מענ־דעלע מוכר ספרימס „מילבן־נעסטן". עס איז אַן אַקטיוו, אין־זיך־זיכער יידנטום. יידן וואָס זיינען שטאָלץ מיט זייער יחוס, וואָס פאַרמאָגן אַ סך לעבנסקראַפט און לעבנסווילן. יידן וואָס האָבן הנאה פון גאָטס וועלט, פון פּוילנס טייכן,

גערטנער און סעדער. יידן מיט היים בלוט און מיט אַ סך לעבנס־חכמה, מיט גלויבן און האָפענונגען. יידן מיט גײַס־טיקער און פיזישער שיינקייט.

אָבער זיי שטייען אופן ראַנד פון אַ צעבושעוועטן ווול־קאַן. זײַן קאָכעדיקע לאַווע וועט באַלד פאַרגיסן אַלץ, און ס'איז נישטאָ קיין רעטונג. טראַגישער פאַטאַליזם פאַר־כאַפּט דאָס יידנטום, וואָס לעבט שוין טויזנט יאָר על נהרות פוילן. די וועלט ברענט. אַ קליפּה איז אַרײַן אין דײַטשן און פּוילישן פאָלק. יידיש פאָלק ווערט געבראַכט אַ קרבן פון מענטשן־האַס און חיהשקייט. אַן אַפּאָקאַליפּטישע וועלט־מלחמה רוקט זיך אָן אויפן לאַנד, און יידן זעען פאַר זייערע אויגן דעם אָנקומענדיקן חורבן. אַ היסטאָרישע טראַ־געדיע וועט דאָ באַלד פאַרלויפן.

פּנים אל פּנים מיט אָט דער סיטואַציע, זאָל דער קינסט־לער שילדערן זײַנע העלדן און פאַרשווינען עפּיש־רויִק, רעַ־אַליסטיש און פּסיכאָלאָגיש „אויסגעהאַלטן", מיט די אָנגע־נומענע מאָסן און פאַרבן, מיט די גוט־באַקאַנטע מעטאָדן פון ליטעראַטור־טעכניק? — ניין, דאָס גאַנצע ווערק איז נער־וועז אָנגעשטרענגט, דורכגעוויטיקט. עס איז ווי דער אַל־טער רוסישער מאָלער האָט געלערנט דעם יונגן מיכאַל; „נישט נאָר אויגן דאַרפסטו האָבן — נאָר אַ האַרץ... מאָ־לערײַ איז הייליק, הייליק!" מענדל מאַן פאַרמאָגט אַ סך שריפטשעלערישן טאַלאַנט, זײַנע אָבסערוואַציעס זײַנען טיפע, דורכדרינגענדיקע. ער באַהערשט די מײַסטערשאַפט צו מאָלן פאָרטרעטן מיט זייערע דעטאַלן, צו אָנרירן פאַר־שידענע פּסיכישע סטרונעס פון זײַנע העלדן. אָבער שווײַ־מענדיק איבער די שטורמישע כוואַליעס פון יידישן פּוילן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה — קאָן ער נישט פאַר־בלײַבן דער טרוקענער רעאַליסט און אוודאי נישט נאַטו־ראַליסט.

מענדל מאַן איז פאַרוועבט אין פּוילישע און יידישע לע־גענדעס און פאַנטאַזיעס. ער האָט ליב דאָס פּוילישע לאַנד און דעם פּוילישן יידן, זײַן האַרץ בלוטיקט צוליב דער „פאַרוווּנדיקטער ערד". ער ליינט אַוועק אין אַ זײַט די פאַרבן־פלעקן פון זײַן פּראָזע־פּאַלעטרע, ער פאַלט אַרײַן אין לירישע טענער און ער זינגט צו פּוילן: „איך בין נישט קיין פרעמדער אויף דער ערד. איך הער ווי עס שעפּטשען די טאָפּאָליעס „פּאַטשעזשן", ווי עס זינגען אוים די וויעזש־בעס אַלט־יידישע תפילות, און די טײַכן בעטן בײַ די הימלען גנאָד, אַז גאָט זאָל באַשיצן די שטעט און דערפער וואָס ליגן בײַ זייערע ברעגעס"... דאָס האַרץ פון קינסטלער וואַרפט אָפּ די באַנאַל־מאָלערישע „שפּיל פון ליכט און שאָטן", די אויבנאַויפּיקע „עפעקטן און שיינקייטן". אַזוי ווי דער קינסטלער האָט דערקענט יעדן ציטער פון זײַן מאַ־מעס פינגער ווען זי איז שטילערהייט געזעסן בײַם שפּינראָד און געצויגן די געוועבטע פעדים, — אַזוי פילן מיר אין יע־דער שורה פונעם ווערק דעם ציטער פונעם קינסטלערס פינ־גער, דאָס פולסירן פון זײַן האַרץ.

שיין און פולבלוטיק איז געמאָלן מיכאַלס מאַמע, יוטע. זי איז אַ מערקווערדיקע אשת חיל, אַן ערד־באַזיצערין. איר יחוס — זי שטאַמט פון די יפתעס, „די יאַסעס". זי איז צו־נויפגעוואַקסן מיט דער מאַזאָוויער ערד. איר זיידע, נאָך ווען דער הויפּטהעלד מיכאַל טראָגט זײַן נאָמען, האָט אָנ־טייל גענומען און געפאַלן אין פּוילישן אויפשטאַנד 1863. ער האָט גרוים געמאַכט זײַן נאָמען צווישן די פּוילישע מיט־בירגער. די אַרומיקע דערפלעך טראָגן יידישע נעמען. יידישע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן אויסגעטראָטן די וועגן און שטעגן. יוטע איז שטאָלץ מיט אָט דעם יחוס, און אין דעם גײַסט וויל זי דערציִען איר יִינגסטן זון. „עס דערנענטערן

זיך גרויסע טעג פאַר פּוילן, רעדט זי צו אים, און אויך פאַר אונדז, ווײַל ברידער זײַנען מיר מיט די פּאָליאַקן"... „די יאָ־סעס טרעטן נישט אַזוי לײַכט אָפּ. אויך אונדזערע זיידעס האָבן געהאַט אויסצושטיין צרות... קינד מײַנס, גיי צווישן מענטשן! הייב אויף דײַן שטאָלצן קאָפּ! רעד צו די פּאָ־ליאַקן און זאָלן זיי זען, אַז דו ביסט נישט קיין פרעמדער! ביסט איינער פון זיי! אַ בעסערער נאָך פון זיי"... און ווען עס קומען די שווערע אומגליקלעכע טעג, טראָגט יוטע אי־בער אַלע נסיונות מיט רויִקייט און פעסטקייט.

אַנדערש איז מנחמס פאָטער. זײַן געשטאַלט איז נעפּל־דיק, צעשוווּמען. אויפן יונגן מנחם האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן אײַנפלוס, אָבער מיר ווייסן אייגנטלעך נישט, מיט וואָס און פאַרוואָס. יאָ, ער איז נישט קיין דורכשניט־ביר־גערלעכער טיפּ, ער וואַרפט זיך אויף אַלע נײַע אידייען. איז ער טאַקע אַ רעוואָלוציאָנער? אַ סאָציאַליסט? אַ ספּאָרטאַקיסט? אַ באַריקאַדן־קעמפער? אין דער דערציי־לונג זײַנען אָנגעצייכנט בלויז סימנים. ער איז גיכער אַ פאַרלוירענער „פליגלמאַן", אַ צעשטרײַטער, הילפס־און כאַראַקטערלאָזער, אַ בלאָנדזשענדיקע נשמה פון אַ טי־פּיש וואַרשעווער זײַדענעם יונגנמאַן פון די ערשטע יאָר־צענדליקער פון אונדזער הײַנטיקן יאָרהונדערט.

און וואָס שייך מנחמען אַליין, וואָס מיר קענען אים זינט ער איז געבוירן געוואָרן און ביז ער פאַרלאָזט די פּוילישע ערד, — דאָס איז דאָך דער זעלבער שטאָלצער און היים־בלוטיקער מנחם־מיכאַל, וואָס מיר קענען אים אַזוי גוט פון מענדל מאַנס מלחמה־טרילאָגיע. מיר האָבן דאָך מיט אים דורכגעמאַכט אַלע וועגן איבער סאָוועטיש רוסלאַנד, אַלע שלאַכטן מיט די דײַטשן און מיט... נ.ק.וו.ד. דאָס איצטיקע בוך דאַרף אייגנטלעך ווערן דער ערשטער באַנד פון דער

סעריע, עס איז דער אַרײַנפיר צו דער טרילאָגיע. דאָ באַקומען מיר דעם פּירוש צו מיכאַלס פּסיכאָלאָגיע און געמיט. מנחם איז פאַרוועבט אין אַ נעץ פון פאַמיליע־לעגענדעס, פון ראָמאַנטישער ליבשאַפט צו דער פּוילישער ערד און איר לאַנדשאַפט. מנחם איז געבוירן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אונטער דעם שטערן פון מלחמה און מענטשן־שינאה, פון אומרו און לײַדנשאַפטן — פאַרלויפן זײַנע יונגע יאָרן. דער אַלטער פּוילישער פּריץ באַגריסט יוטען מיטן געבוירן פון מיכאַלן, וואָס טראָגט זײַן נאָמען נאָכן יידישן העלד פון דער פּאָוסטאַניע, און ער רעדט מיט טיפיש־פּוילישער באַגײַסטערונג און נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישער גרויסמאַניע: „מיר וועלן זיי אַלעמען פאַרטרײַבן, אָט די שוואַבישע חזרים, די רוסישע קאַצאַפּן... מיכאַל וועט לעבן אין אַ גליקלעכער צײַט. ער וועט לעבן אין אַ פרײַ פּוילן". אָבער דעם יונגן יאָס איז נישט באַשערט קיין רו... די „שוואַבן" און „קאַצאַפּן" האָבן ווײַטער געבושעוועט איבער דער פּוילישער מדינה. אים איז באַשערט געווען צו זען דעם אונטערגאַנג פון פּוילישן יידנטום. נישט חלילה ווײַל דעם דאָזיקן יידישן שטאַם האָט אויסגעפעלט לעבנס־זאַפטן און שעפערישע ענערגיע, נישט חלילה ווײַל ער האָט דעגענעריט פיזיש, מאַטעריעל און גײַסטיק, — נאָר ווײַל דער סם פון פּוילישן שאָוויניזם, ווײַל דער גײַסט פון שוואַבישן ראַסיזם האָט אויף אים דעם מבול אַראָפּגעבראַכט. איצט זינגט דער געטרײַער זון פון פּוילישן יידנטום — זײַן „על נהרות פּוילן"...

עס דערנעענטערט זיך דער אָנפאַל פון די נאַצים. די יידישע האָרעפּאַשניקעס וואָס רינגלען אַרום דעם יונגן מנחמען, אָט די פערד־יונגען, טראַטווע־טרײַבער, סאַדאָווניקעס, אויבסט־הענדלער, בהמה־סוחרים, פערד־הענדלער,

בעלי־מלאכות, — קאָנען נישט אויסהאַלטן דעם אָרגאַני־זירטן דרוק פון די פּאָליאַקן יידן־העצערס, וואָס האָבן זיך פאַרלייגט אויף די יידישע דור־דורותדיקע פאַרמעגנס און באַשעפטיקונגען. יידן הייבן אָן פאַרלאָזן די דערפער אַרום סאַכאַטשין און פלינצק. עס שליסן זיך די יידישע קרעטש־מעס, געוועלבער און מילן. נישטאָ מער די פּויערישע גוט־מוטיקייט. יידן־שנאה און טעמפּן ראַסיזם האָט אין זייערע הערצער אָנגעצונדן די פּוילישע רעגירונג, וואָס זיצט אין וואַרשע און זי האָט אָנגעשטעלט אַ גאַנצן אַפּאַראַט פון רע־גירונגס־פּאַרטייען און פון באַאַמטע מיטן איינציקן לאָ־זונג: פאַרניכטן דאָס יידנטום. פּויערים באַפאַלן זייערע גוט־באַקאַנטע יידישע שכנים, מ׳שלאָגט זיי און מ׳ראַבעוועט זיי. און מען וואַרט אויפן דײַטש ווי אויף אַ דערלייזער און באַ־פרײַער פון יידישער „הערשאַפט“.

מיכאל לערנט אין פלינצקער גימנאַזיע. דער סם פון יידן־האַס און דער לאָזונג פון יידן־אויסראָטונג דערגרייכט אויך אַהער. דער גײַסט פון מיצקעוויטשן מיט זײַן מיסטישן גלויבן אין פּוילן — ווערט דאָ ברוטאַל פאַרשוועכט טאָג־טעגלעך. דער דירעקטאָר, די עלטערע שילער — פאַרפאָלגן מנחמען. איין שילער וואַרפט זיך אפילו אויף אים מיט אַ מעסער. זײַן פּוילישע חברטע פון קינדערווײַז אָן, סטעפאַ, דערקענט אים נישט מער. מנחם שטייט פאַר גוואַל־דיקע נסיונות ער וואַרפט זיך אויף אַלע זײַטן, וויל פאַרשטיין און אַרײַנדרינגען אין דעם, וואָס קומט פאָר אַרום אים. ווי קאָן מען רויִק שטודירן אין אַזאַ אַטמאָספער? איז נישט גלײַכער אָוועקוואַרפן דאָס גאַנצע גימנאַזיע־לער־נען? אָבער דער שטאָלץ פון די יאָסעמס פאָדערט — נישט אָפּטרעטן, נישט אַנטלויפן פון שלאַכט־פעלד. מנחם דער־נעענטערט זיך צו דער קליינער גרופּע ליבעראַלע פּאָליאַקן וואָס ווילן הייבן דעם פּאָליטישן באַוווּסטזײַן פון פּויערנ־

טום און אַרײַנציען אים אין קאַמף פאַר זײַן סאָציאַלער באַ־פרײַונג. מנחם טרעט אַרויס אויף אַ פּויערים־פאַרזאַמלונג, ער דערמאָנט זיי זײַן יידישן יחוס און זײַן פּוילישן פּאַטרי־אָטיזם: „איך, דאָס אייניקל פון די יאַסעס, וויל אַז עס זאָל אויף דער ערד נישט נאָר בלײַען ווייץ נאָר אויך ליבע פון פאָלק צו פאָלק”. אָבער זײַן קלוגע מאַמע טײַטשט אים אויס די לאַגע: „עס איז נישטאָ קיין הילף — פון מזרח און מערב וועלן זיי קומען און אַן אויסמישעניש וועט ווערן אויף דער ערד. טײַכן וועלן אַרויס פון די ברעגן און דער מענטש וועט פאַרלירן זײַן צורה”. מיכאַל ווערט אויסגעשלאָסן פון גים־נאַזיע. יוטע באַשליסט אַלץ אויפגעבן, פאַרקויפן, פאַרלאָזן, און אַוועקגיין קיין וואַרשע וווּ עס דרייט זיך אַרום איר מאַן. מנחם און זײַן מוטער פאָרן קיין וואַרשע, כדי דאָרטן דורכ־צומאַכן איינגיכן דעם גאַנצן גיהנום פון דער נאַצי־ח״יהשער אינוואַזיע...

האָט מנחם נישט געפינען אין פלינצק (און שפּעטער אין וואַרשע) גאָרנישט פּאָזיטיווס אין יידישן לעבן? אָט איז כאַסקל אין זײַן דאַך־שטיבל. אין די נעכט שפּילט ער פידל אין דער „טשײַנע” (טיי־האַלע). דורך אים קומט מיכאַל אין באַרירונג מיט יידישע שוסטער, שנײַדער. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג הערט ער אַ רעדע פון אַן „אײַנגעדאַרטן יונגן־מאַן”: „דער מענטש האָט גערעדט וועגן דער געפאַר, וואָס קומט פון דער געמאַנישער ערד... אין ענגשאַפט, פאַרוויקלט אין אַ רויך־נעפל, אַ הוסטערײַ און אַ סאַפּערײַ, האָט מיכאַל דאָס ערשטע מאָל געהערט אַ רעדע אין יידיש־לשון, אויס־געמישט מיט לשון־קודש־ווערטער און פּוילישע אויסדרוקן. ער איז געווען איינזאַם און טרויעריק... די געל־וואַקסענע פּנימער פון די יידישע געזעלן, די אויסגעמאָגערטע אויס־געבלייכטע פּנימער... די יידן אין מאַרק מיט די פאַראומערטע פּנימער אויף וועלכע מ׳דערקענט די שטומע אַנונג פון אַ

שווערן גורל, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוווּסט, אַז דער גזר איז שוין אַ געחתמעטער... אויך מיכאַל האָט אָנגעהויבן פילן דעם אומרו".

מיכאַל הערט זיך צו צו כאַסקלס פידל־שפּילן. „אַ סטרונע וויינט... אַזאַ דינער ניגון וואָס וועבט זיך אַרײַן אין דער רויער אַנטפּלעקונג פון זיבעצן־יאָריקן מיכאַל". ער געפינט זיך נישט קיין אָרט. „ער וועט זיך אַרײַנקלייבן צו כאַסקלען, אין קליינעם בוידעם־שטיבל. דאָרט אויף דער באַנק, צווישן די אָרעמע, הונגעריקע וועט ער האָבן זײַן געלעגער. ער וועט קומען יעדן פאַרנאַכט אין פּאַראַיִן, זיצן אין מאַנטל, ציטערן פאַר קעלט, שפּילן אין שאָך מיט די שנײַדער־געזעלן און שמועסן וועגן דער נײַער וועלט וואָס וועט קומען. ער וועט אויסהערן רעדעס אויף יידיש־לשון און אַליין פאַר זיי רעדן".

איין מאָל האַלט עס אין שטעטל בײַ אַ פּאָגראָם. דער המון קלייבט זיך, ברומט, די גלאָקן קלינגען. באַלד וועט עס זיך אָנהייבן! אָבער — „מיט אַמאָל איז ווי אַ וואַנט אויסגעוואַקסן אַ גרופּע שנײַדער און שוסטער־געזעלן. זיי זענען געשטאַנען לענגאויס דער גאַס אין אָרעמע מאַנטלען, אויפגעשטעלטע קעלנער, אין קורטקעס, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פאַרוואָרצלט אין דער דאָזיקער שטיינערנער געסל־ערד". און שפּעטער — „די יידישע געזעלן טרײַבן די לעצטע אָנגרײַפער. זיי יאָגן זיי ביז צו דער קאַשטאַן־אַלייע". מנחם איז דאָ געווען אַ זײַטיקער אָבסערוואַטאָר. צו דער זעלבשוץ־גרופּע האָט ער קיין שייכות נישט געהאַט...

מנחמס יונגע נשמה צאַפּלט, קאָן קיין רו נישט געפינען. אים זײַנען פרעמד די באַווּסטזיניקע יידישע אַרבעטער, זייערע אידייען, שטימונגען און לאָזונגען. איינמאָל צערעדט ער זיך פאַר זיי און ער זאָגט זיי גאָר מוסר הלמאי זיי הערן זיך צו צו די „רעדעס פון נאַאיווע וועלט־איבערקערער":

„אײַער רעאַלע וועלט איז אַזוי גרויס ווי די קאָזשע-גאַס. איר באַוועגט זיך אין אַ פאַרמאַכטן קרײַז, אַ פאַרזיגלטן. אײַערע רייד בלײַבן דערשטיקט אין די ווענט פון די אָרעמע צימערלעך אויפן בוידעם-שטיבל פון אײַער פאַראײַן. איר האָט זיך אָפּגעריסן פון אייגענעם פאָלק, נישט איר האָט אַ שייכות צו די גלויביקע יידן, נישט איר שטאַרקט אײַער שטאַם, נאָר איר שוואַכט אים אָפּ. איר שפּרייט אילוזיעס וועגן אַ „מאָרגן“, וועגן אַ פרײַער וועלט פאַר די פאַרחושכטע און טרויעריקע יידישע שנײַדער-יינגלעך“...

די דאָזיקע רייד, כאַראַקטעריסטישע פאַר אַ בלאָנדזשענדיקן בחור, וואָס ווערט געפּײַניקט פון אַלע זײַטן, קלינגען אַבסטראַקט-אינטעליגענטיש. זיי וועבן זיך נישט אַרײַן אין דער גאַנצער סביבה, אין די ווייטיקלעכע איבערלעבענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג. הינטער די דאָזיקע רייד פילט זיך נישט קיין לעבן, עס זענען אויבערפלעכלעכע געדאַנקען אָן בלוט, אָן נשמה. זיי רופן נישט אַרויס בײַם לייענער קיין האַרץ- און נשמה-וויברירונגען. דאָס זענען רייד, אָן שום קינסטלערישער קאָנסעקווענץ פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון מנחמען.

עפּיזאָדיש איז אויך דאָס באַווײַזן זיך פונעם אַנטוישטן קאָמוניסט אָסקאַר. ער האָט נישט קיין אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיטן יידישן אַרום. מען מוז געדענקען, אַז די יידישע יוגנט האָט געווייטיקט, געזוכט באַשייד פאַר אירע ספקות. איז געווען אידעאַליסטיש. און אוודאי איז עס אַזוי געווען בײַ דער סאָציאַליסטיש-בונדישער יוגנט. זי איז געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער פון דעם יידישן עולם. זי איז געווען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות פאַר אירע אידייען און אידעאַלן. זי האָט זיך אויסגעלעבט אין אַ ריינער און שיינער אייגענער סביבה, און עס איז נישט געווען איר שולד, הלמאי

צווישן איר און די יידן פון אַ גאַנץ יאָר, און אויך צווישן איר און מנחמען, איז געווען אַזאַ הויכע אָפּטיילנדיקע וואַנט.
צום וויפלטן מאָל איבערצייַגן מיר זיך: קונסט מוז זייַן אין יעדן דעטאַל אויפריכטיק און שעפעריש, קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן.

פאַראַן אין בוך אַ סך סצענעס און עפּיזאָדן — צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די פּאָליאַקן. נישטאָ דאָ דער פּוילישער אַרבעטער און זייַן סאָציאַליסטישע באַוועגונג, מיר האָבן דאָ צו טאָן נאָר מיטן פויערנטום — און דעם פעלט באַוווּסט־זייַן, קולטור, מענטשלעכקייט, אָרגאַניזירטקייט. פאַראַן אויך אַ ביסל פּוילישע אינטעליגענץ: פון איין זייַט דאָס דעגע־נערירטע פריצנטום, פון דער אַנדערער זייַט — אומבאַהאָלפענע ראָמאַנטיזירטע פאָלקסטימלעכע אינטעליגענטן, וואָס זעען נישט קיין אויסוועג פון דער שווידערלעכער סיטואַציע, וואָס רוקט זיך אָן אויפן לאַנד.

די יידן פון בוך זענען פון איין טיפּ: פּשוטע האָרעפּאַש־ניקעס. דאָס ביסל „שנייַדערס און שוסטערס" וואָס דער מחבר ווייַזט אונדז, זיינען צעשווימטע פיגורן, אָן אינדיווידועלע שטריכן און כאַראַקטער. מיר הערן אַ ביסל רעוואָלוציאָנערע פראַזן, אָבער מיר זעען נישט די לעבעדיקע מענטשן וואָס באַנוצן די דאָזיקע רייד. די יידישע מאַסע איז פאַר־לוירן, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל איר ווייַזן אַ וועג, אַן אויסוועג, אָן אַ טרייסט און האָפענונג אין אָט דער לאַגע. פאַלן אַרייַן די פּראָסטע פאָלקס־מענטשן אין מיסטיש־רע־ליגיעזע שטימונגען, זיי פאַרהייליקן און גלויבן אין דעם אַלטן דיין, וואָס נאָך זייַן טאַטע האָט גערעדט האַרבע דיבורים צו די הימלען: „אַ חשבון וועסטו אָפּגעבן פאַרן בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן! עס איז נישט הפקר די וועלט!" אויך דער דיין, אויף זייַנע עלטערע יאָרן, זאָגט צו די יידן:

„איצט, ערב מײַן אװעקגײן, װיל איך נישט נאָר רעדן — נאָר שרײַען! שרײַען אזוי הויך, אז די הימלען זאָלן אויפ־ציטערן!״... און אויך ער טענהט צום רבונו של עולם: „באַ־רעכן זיך איידער דו טראָגסט ארויס דײַן גזר! דו װעסט דאַרפן אָפּגעבן א חשבון!״. אָבער דאָס אַלץ פאַרמינערט נישט די שרעק און די אויסזיכטלאָזיקייט פון די יידישע פאָלקס־מענטשן, אָט די נאַאיװע גלױביקע האָרעפאַשניקעס.

שפּעטער זעען מיר װי זיי כאַפּן זיך אָן אין א צװייטן הייליקן װאָס איז „נתגלה״ געװאָרן אין יענע טעג. דאָס איז דער זון פון יאָשפּע דער בעקערין, תנחום.

מאַזאָװיע — דאָס איז די ערד אויף װעלכער עס איז אויסגעװאַקסן שלום אַשס „תהילים ייד״. אָבער די צײַט איז אַן אַנדערע, די פּראָבלעמען זײַנען אַנדערע, די באַציִונגען צװישן די צװיי פעלקער זענען אַנדערע... די צװיי הייליקע צדיקים זענען אַליין א טעמע פאַר א גאַנצן בוך. דאָ זענען זיי נאָר סקיצירט, עפּיזאָדיש ארויסגעבראַכט, אזוי װי א סך אַנדערע פיגורן אין בוך. אַלץ איז אין בוך געצייכנט אין גרויסן סטיל, אָבער גראַפיש, עקסטענסיװ. מײַסטערהאַפט װערט דאָ אויסגעדיכטעט דער גײַסט און די שטימונג פון דער צײַט און פונעם פוילישן יידנטום. מיר פילן די נשמה פון פאָלק, מיר פילן די נשמה פון דער פוילישער ערד און מיר הערן װי „װיעזשבעס זינגען אוים אַלטע יידישע תפילות און טײַכן בעטן בײַ די הימלען גנאָד״.

א פּאָר טעג נאָכן אָנגריף פון דער דײַטשער אַרמיי טרעפט זיך מיכאַל אין װאַרשע מיט זײַן פוילישן יוגנט־פרײַנט זיגמונט. ביידע זענען מאָביליזירט אין דער אַרמיי. און זיגמונט זאָגט צו מיכאַל: „מיר פאַרלירן פוילן. עס איז שוין נאָך אַלעמען... איר יידן װעט ארויס אומשטערבלעכע פון דער מלחמה. איר לעבט אין דער געשיכטע. דאָס איז

אײַער אײביקײט"... מיט אָט דעם געפיל פון יידישער אומ־שטערבלעכקײט, פון יידישן אײביקן לעבן אין דער געשיכ־טע — איז אָנגעפילט און באַגײַסטערט דאָס גאַנצע בוך פון מענדל מאַן. יידן האָבן פאַרלוירן אין דער נאַצי־מלחמה, אָבער זײ האָבן נישט פאַרשפּילט.

„על נהרות פוילן" איז אַ גרויסע פּאָעמע װעגן פּוילישן יידנטום, אַ װוּנדערלעכער אַרײַנפיר צו די פריִער־דערשינענע דרײַ בענד רוסיש־פּוילישער עפּאָפּייע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָס געזאַנג פון אויפגעוואַכטער ערד

דאָס זײַנען אייגנטלעך צוויי ראָמאַנען, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף צוויי פּלאַכן, געשריבן אין צוויי פֿאַרשיידענע סטילן — איינער — אַ דערציילערישער, דער צווייטער — אַ בילדעריש־לירישער. דער הויפּטהעלד גייט אַדורך פֿונעם ערשטן זײַטל ביזן לעצטן. צום אָנהויב אויף דער פּוילישער ערד, שפּעטער אויף די פֿעלדער פֿון מדינת ישראל, — זײַן נאָמען איז מוינע. ער קומט פֿון די זעלבע מאַזאָווישע יִידישע שטעטלעך און דערפֿער, וועלכע מענדל מאַן האָט באַשריבן אין זײַנע אַנדערע ווערק. עס ריזלט אין אים דאָס בלוט פֿון דורות יידישע פּויערים און נאַטור־מענטשן. איצט איז פּוילן אָקופּירט פֿון די דײַטשן. די גאַנצע משפּחה מוינעס איז אומגעקומען און דער יונגער בחור איז געבליבן אַליין. ער זוכט אַלע מיטלען זיך צו ראַטעווען און ער וואַרפֿט זיך צו די פּוילישע פּויערים וואָס זײַנען שטענדיק געווען פֿרײַנדלעך צו מוינעס משפּחה. אין אַ פֿינצטערער נאַכט דערקלייבט ער זיך צום היימישן דאָרף קוכאַר און ער טרעפֿט אַרײַן אין אַ כאַטע פֿון אַן אַלט פּאָר פּאָלק. אַז זיי דערהערן אַז ער איז פֿון די עליאַשעס, אַז זײַן זיידע איז געווען עליאַש זאָגט דער זקן צו אים: „הער וואָס אַן אַלטער וועט דיר זאָגן, יונגער עליאַש. די

מענטשן דאָ זײַנען שלעכטע, נישט־גלויביקע פּאגאנעס, אײַעריקע הרגעט מען דאָ. דײַטשן קומען אין דאָרף אַרײַן. קענסט בײַ מיר בלײַבן עטלעכע טעג... די גאַוואַראַשעס זײַנען רײַך געוואָרן מיט אָנגעראַבעוועט יידישע פּאַרמעגנס. דער גמינע־שרײַבער כוואַסטין חברט זיך מיט די דײַטשן. ער נישטערט איבערן דאָרף. זײַנע אויגן זײַנען אומעטום פּול. בײַ דער גרעבליע האָט מען געכאַפּט עטלעכע יידן". דער אַלטער פויער פון דער כאַטע — דאָס איז דער גוטהאַרציקער פּרומער בעטלער ג ז ש ע מ אַ ל. דער פּוילישער נאַצי־קנעכט כוואַסטין דערשנאַפּט אַז בײַ גזשעמאַלן באַהאַלט זיך אויס אַ ייד. מוינען גיט זיך קוים אײַן אַרויסצודרײַסן זיך פון זײַן באַהעלטעניש אויפן בוידעם, און ער ראַטעוועט זיך אינעם געדיכטן וואַלד.

לעבן דאָרף קוכאַר שטייט אַ פּאַרלאָזטער פּאַלאַץ פון פּאַרשטאָרבענעם יידישן פּריץ סטאַניסלאַוו פּ אָ ז נ ע ר. איצט איז דער פּאַלאַץ אין רשות פון פּאָזנערס אַן אַלטן פרײַנד, דער גימנאַזיע־לערער גאַיעווסקי. מיט אים לעבט דאָ זײַן כלומרשטע פּלימעניצע יאָלאַנאַ — פּאָזנערס אַ טאָכטער. זי איז שוין אין וואַרשע געווען אַ באַרימטע זינגערין. דער נבזהקער הינקענדיקער כוואַסטין האָט אויסגעפונען דעם אמת, ווער יאָלאַנע איז. פאַרן פרײַז פון נישט אַרויסגעבן איר צו די דײַטשן פאָדערט ער פון איר — ליבע. מיט דער דערלויבעניש פון לערער גאַיעווסקי, ברענגט גזשעמאַל מוינען אין דעם יידישן גוט, מען באַהאַלט אים אויס אין גרויסן שײַער. דאָ, אין דעם שײַער, קומט פאָר די באַגעגעניש פון מוינען מיט יאָלאַנען. זי ווערט אַן אָפטע באַזוכערין אין שײַער, מוינען פאַלט גאָרניט אײַן אַז זי איז אַ יידיש קינד, ער איז פאַרכישופט פון דער שיינער געשטאַלט פון יונגן מיידל. אָבער כוואַסטין ווייס שוין אויף זיכער אַז זי איז אַ יידישע, ער שפּיאָנירט אויס אַז זי קומט אָפט

אַרײַן אין שײַער. אין אַ פינצטערער נאַכט, מיט אַ לאַמ־טערנע אין דער האַנט, גייט ער איר נאָך אין שײַער אַרײַן און פּאָדערט זי זאָל זיך אים אָפּגעבן. זי איז פאַרצווייפלט, איר איינציקע האָפענונג איז דער באַהאַלטענער מ ו י נ ע. ער אָריענטירט זיך שנעל וואָס דאָ קומט פאָר און ער וואַרפט זיך אויף כוואַסטינען. די לאַמטערנע קערט זיך איבער, דאָס היי צינדט זיך אָן, כוואַסטין ווערט פאַרברענט, — מוינע מיט יאַלאָנען אַנטלויפן אין וואַלד. נאָך אַ פּאָר טעג קומען די צוויי יונגע וואַנדלער צו גזשעמאַלן, זיי טרעפן בײַ אים גאַיעווסקין, און דער אַלטער בעטלער פירט אַוועק דעם לע־רער און יאַלאָנען קיין פּלאַצק. מוינע איז געבליבן אַליין — געיאָגט פון די ווילדע חיות. אין פּלאַצק איז יאַלאָנאַ ווי־דער אין געפאַר, זי אַרבעט אין אַ קאַפע ווי אַ קעלנערין, אָבער אויך דאָ דערקענט איר אַ דײַטשער אָפיציר, ער פאַר־פּאָלגט איר, פּאָדערט זי זאָל אים אײַנלאַדן צו זיך אַהיים. יאַלאַנאַ ראַטעוועט זיך אויף אַ קורצע צײַט אין אַ מאַריאַ־וויטן־קלויסטער, זי מוז אָבער פון דאַנען אַוועק און זי לויפט ווײַטער אין דאָרף קוכאַר צו גזשעמאַלן. און דאַן קומט איר אויסלייזונג מיט דער הילף פון יונגן איטאַליענישן קאָנסול אין קראָקע. ווען די מלחמה ענדיקט זיך קומען זיי ביידע קיין מדינת ישראל. יאַלאַנאַ ווערט צוריק די באַרימטע זינגערן.

דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פונעם ערשטן „טייל" פון ראָמאַן. עס זײַנען אַרײַנגעבראַכט אינצידענטן אין טיפן וואָס קענען אויסזען ווי בכיוונדיק־סענסאַציאָנעלער שטאָף (בעיקר דער איטאַליענישער קאָנסול סאַנינאַ — זײַן אָפּ־שטאַם, ביאָגראַפיע און זײַן ראַטעווען יאַלאָנאַן). אָבער צי ווייסן מיר דען ניט, אַז די יאָרן פון חורבן פון פּוילישן יידנ־טום האָבן געשאַפן אַזעלכע אומגלויבלעכע ניסימדיקע סי־טואַציעס וואָס שטײַגן איבער די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. אַזעלכע פאַקטן וואָס לייגן זיך ניט אויפן פשוטן שכל,

לענענדאַרע אינצידענטן מיט אַן אומדערוואַרטן פּאַרלויף — זײַנען אפשר די בעסטע עדות פון דער שוידערלעכער צײַט וואָס יידן האָבן דאָ איבערגעלעבט. מענדל מאַן האָט די דאָזיקע איראַציאָנעלע, אָפּט רעטעניש־אַרטיקע סיטואַציעס אַרײַנגעפּאַסט אין דער ראַם פון גאַנצן בוך, אינצווישן דער באַשרײַבונג פון מוינעס גורל. דערמיט האָט ער ווי אונטערגעשטראָכן אַז דאָס זײַנען ניט קיין צענטראַלע מאָמענטן אין בוך. די הויפּט־טעמע איז מוינע אויף דער ערד פון דער אָקאָרשט אַנטשטאַנענער מדינה, ווּהין ער איז מגולגל געוואָרן. און דאָס איז אייגנטלעך דער אינהאַלט פונעם צווייטן „טייל" פונעם ראָמאַן.

ביידע טיילן זײַנען אויף אַ נאַטירלעכן און אומפּיטלדיקן אופן צוזאַמען־געפלאָכטן. דער ערשטער טייל האָט אַ פּאַבול, אַ פּאַרלויף פון געשעענישן. דער צווייטער טייל האָט נישט קיין געשעענישן. מוינע איז אָרעם און נאַקעט, פאַרמאָגט נאָר זײַנע צען פינגער, אָבער עס דערוועקט זיך אין אים די ירושהדיק־דורותדיקע בענקשאַפט און ליבשאַפט צו דער מוטער־ערד. ער גיט אַוועק זײַן גאַנצע ענערגיע און ענטוזיאַזם דער נײַער ערד. דער ערשטער טייל איז אַ פילם־לײַוונט, אויף וועלכן עס שפּילן זיך אָפּ טראַגישע איבערלעבונגען און פּאַסירונגען; אין די דאָזיקע געשעענישן שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע טראַגעדיע פון פּוילישן יידנטום וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין די לאַפּעס פון דער נאַצישער חיה. עס צאַפּלען זיך דאָ די לעבנס און די נשמות פון צוויי יונגע יידישע מענטשן — קינדער פון צוויי אַלטע יידישע משפחות, די פּאָזנערס און די עליאַשעס. די צוויי יונגע יידן שטייען הילפלאָז פאַר אַ וועלט פון ברוטאַליטעט, רישעות, חיהשקייט.

מוינע גלויבט אַז ער וועט זיך נאָך מיט יאַלאָנען טרעפן. אין דער נײַער סביבה, אויף דער נײַער ערד — פאַרגעסט

ער ניט יאַלאָנען, ער טרוימט און חלומט וועגן איר. אָבער די צײַט, דאָס נײַ־אײַנגעפונדעוועטע לעבן טוען זייערס, און יאָלאַנאַ ווערט צום סוף „אַזאַ ווײַטע, אַ דין־דינע דורכזע־עוודיקע, ווי אַ זײַדענער שלייער. אָט אָט, און דער מיראַזש וועט צעשווומען ווערן. יעדער מענטש האָט אוודאי אין זײַן לעבן ליב געהאַט אַזאַ ווי יאָלאַנאַ, און אויב ער האָט אַזאַ ניט באַגעגנט, האָט ער זי אויסגעטראַכט. — האָב איך זי אויסגעטראַכט ? אויסגעחלומט ? און עמעץ האָט פאַר מוינען געענטפערט : אי אמת, אי חלום איז זי געווען“...

אַ שיינער ליכטיקער, יידיש־צניעותדיקער חלום איז געווען יאָלאַנאַ. אַ ווייסטער פינצטערער חלום איז געווען דער וואַלד, די דײַטשע פאַסטקע, די אויסבאַהעלטעניש פאַר דער מאָנ־סטער־חיה. אויך דער לייענער פרעגט וועגן ערשטן טייל פון ראָמאַן : האָט עס דער קינסטלער אויסגעטראַכט ? אויס־געחלומט ? — יאָ עס איז אי אמת, אי חלום... דער אמת פון יידישן אומגליק, דער חלום — פון יידישער שיינקייט און לעבנספעיִקייט.

מענדל מאַן פאַלט ניט אַרײַן אין מעלאָדראַמאַטישקייט, ער פאַרלירט ניט דעם מאַסשטאַב פון אמת־קינסטלערישער שאַפונג, הגם די געשעענישן זײַנען אַזוי אויסטערליש און נסימדיק. און פונקט אַזוי איז ער אויך אין צווייטן טייל פון ראָמאַן — ניט אַרײַנגעפאַלן אין ראָמאַנטיזם און שאָ־וויניזם, און ער האַלט מוינען אין באַשיידענע, אומטיטל־דיקע גרענעצן. און אויף אַ פּשוטן מענטשלעכן אופן רופן זיך איבער די ביידע טיילן פון ווערק, ביידע פלאַכן גיסן זיך צונויף אין איין פולקאָמענער גאַנצקייט.

מוינע איז ניט קיין „אינטעליגענט“ — ער איז געוואַקסן צווישן האָרעפּאַשנע יידן פון אַרבעט און שוויים. ער איז איינער פון אַ גרופּע נײַ־געקומענע וועלכע מ'האָט באַזעצט

אין אַ דערפֿל וואָס די אַראַבער האָבן פֿאַרלאָזט, און דאָ אַרום דעם מעטשעט־געסל האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס אָרעמע לעבן פֿון די עולים. אָבער מוינע איז אַנדערש פֿון די יידן. ער פֿאַרמאָגט אינערלעכע אינטעליגענץ און עפּעס אַזוינס וואָס קיינער פֿון די עולים באַזיצט עס ניט — נעמלעך, די ליבשאַפֿט צו דער ערד, דעם גלויבן אין כוח פֿון אַרבעט און אויסהאַלטעוודיקייט. די אַנדערע יידן זיינען גרויסע צווייפֿלער, דאָס גאַנצע קומען אַהער זעט ביי זיי אויס ווי אַ מיספֿאַרשטייעניש. זיי וואַרפֿן כסדר דעם גט צו די פֿיס — „לאָזט מיך אַרויס פֿון געשעפֿט! כ'טרעט אָפּ מיין חלק".
מען אירגאַניזירט: „ס'צוגעזאָגטע לאַנד... זע נאָר, מע אַקערט דאָ אויך?... וואָס קען דען אַ שטייגער דאָ וואַקסן?".
זיי קענען זיך ניט צוגעוווינען צום פֿאַרוואָרלאָזטן אַרום, צו די אומהיימלעכע שאַקאַל־יללות און נאַכט־קולות. זיי זיינען סקעפּטיש צו דער גאַנצער מדינה: „עך האָט שוין געזען אַז יידעלעך זאָלן קענען פֿירן אַ מדינה. ווו האָבן זיי זיך עס געהאַט צו לערנען, ביי זייערע זיידעס און באָבעס אין כטראָמפּעלנע? מע קוויקט זיך מיט די דערציילונגען וועגן די אַמאָליקע פּרנסות און מסחר מיט די דאָרפֿסגויים. און מע קלאָגט זיך: „צוויי טויזנט יאָר, און מ י ך האָט עס געדאַרפֿט טרעפֿן". זיי זוכן לייכטע פּרנסות. זיי זיינען אָפּגעפֿרעמדט איינער פֿון אַנדערן: פּוילישע יידן, בולגאַרישע, תימנער, דייטשישע...
גאָר אַנדערש איז מוינע. „די גאַרונג נאָך ערד האָט זיך געוועקט אין אים מיט אַ פֿויערישער תאווה". סיסטעמאַטיש און בהדרגה צעאַקערט ער און באַאַרבעט איין שטיק ערד נאָכן צווייטן. ער שענקט דער ערד זיינע בעסטע געפֿילן, ער ווייזט אַרויס אַ סך דערפֿינדערישקייט און איניציאַטיוו. ער נוצט אויס פֿאַר דער אַרבעט זיין פֿולע ענערגיע. ער איז ניט דער „אידעאַליסט", עס איז ניט פֿאַר אים קיין ענין פֿון פֿאַ־

ליטיק און פרינציפּן. ער איז איינפאַך און פּראָסט אַזוי ווי די ערד גופא. ער פּאַסט זיך צו צום אָרטיקן קלימאַט, ער פאָרשט יעדן געוויקס, יעדן פויגל און בעל חי. ער פּאַסט זיך צו צו דער רויטער ערד און צו דער אָרטיקער נאַטור, און זי פון איר זייט שענקט אים אַלע אירע גוטסקייטן און רייכקייטן. ער רייניקט די ווילדגראָזן און באַמיסטיקט די ערד, ביז ער פאַרוואַנדלט די שטיקער וויסטעניש אין בלי־ענדיקע גאָרטנס. שווער איז געווען די האָרעוואַניע אויף דער דאָזיקער פאַרוואָרלאָזטער ערד, אָבער דערפאַר האָט ער דערלעבט דאָס גליק צו זען ווי אַלץ וואָס ער האָט פאַר־זייט — בליט, ברענגט גערעטעניש. „מוינע איז געווען אי־בערפולט פון פרייד. ער האָט זיך ניט געגלויבט די אייגענע אויגן. ווי גוט עס איז די ערד צום מענטש, ווי זי צאָלט אָפּ פאַר מי וואָס מע גיט איר אַוועק. אָט איז געלעגן אַ וויסטעניש, אַ פאַרטריקנט פעלד מיט טויטע וואָרצלען, מיט ווילדפלאַנצן און דערנער, — איז געקומען אַ מענטש און צעאַקערט, פאַרזייט, באַוואַסערט, און ס׳פעלד האָט אויפ־געוואַכט“. מוינע פאַרריכט די פאַרלאָזטע ברונעמער, ער שאַפט גענוג וואַסער אויף אָנצוטרינקען זיינע גערטנער. ער באַזאָרגט זיך מיט אַ פערד און שפּעטער מיט אַ ציג און אַ קו. און ער געפינט אויך אַ געטרייע און אַרבעטזאַמע פרוי — חמרה.

חמרה איז אַ תימנער מיידל. זי איז שעמעוודיק־שטיל, הויך און שיין־געוואַקסן. אויך זי האָט ליב די ערד־אַרבעט. זי ווערט מוינעס ווייב, די שטילע חתונה ווערט געפּראַוועט ביי איר אַלטער מאַמען אין אַ צווייטן דאָרף. זי האָט ליב מוינען, כאָטש עס איז איר שווער זיך צוגעוווינען צו דער שפּראַך און געוווינהייטן פון אָט דעם אשכנזי. זי איז אים געטריי איבערגעגעבן. איר פּנים איז ווי סאַמעט, און מוינע טראַכט זיך: „ווער איז זי, דאָס טונקל־פּנימדיקע מיידל?

אפשר אַ פאַרוואָגלטע טאָכטער פון אַ יידישן פירשט וואָס האָט זיך באַזעצט אין די הרי־יהודה? אפשר איז זי איינע פון די ירושלימער טעכטער וואָס זײַנען ניצול געוואָרן נאָכן חורבן און איצט איז זי אויפגעשטאַנען פון אַ דורותדיקן שלאָף מיט אַזאַ לויטערקייט ווי דאָס קוואַל־וואַסער וואָס טוט פּלוצעם אַ שלאָג פון אַ באַרג־שפּאַלט אַנטקעגן דעם ליכטיקן טאָג, מיט אַ זילבערדיקן געפּליִיץ, מיט אַזאַ קריש־טאָל־ריינקייט וואָס איז פיל קלאָרער ווי דער זיבעטער הימל". אָט אַזוי באַזינגט מענדל מאַן די גרויסע ליבע־אידיליע אין פאַרוואָרלאָזטן דאָרף. מוינע האָט נישט פאַרגעסן יאָלאַנאַן, ער האָט זי געזען אויף אַ קאָנצערט אין תל־אביבער פיל־האַרמאָניע, און ער פאַרשטייט די גרויסע דיסטאַנץ וואָס טיילט אים אָפּ פון איר. זי פאַרבלײַבט זײַן שיינער חלום. אָבער תמרה פאַרבלײַבט זײַן וואָר, זי האָט אים אינגאַנצן באַהערשט, אים אַרײַנגעבראַכט גרויס פרייד און גליק. זי איז אים אַן אמתע עזר כנגדו אין דער אַרבעט, בײַם אויפ־בוי פון נײַעם לעבן אוןווירטשאַפט, בײַם אויפשטעלן דאָס קליינע שטיבל. זי געבוירט אים אַ ייִנגל — „דער ערשטער געבוירענער ייִד אויף דער ערד, אין דעם פאַרוואָרלאָזטן דאָרף, אויף די פאַרוואָרלאָזטע פעלדער". מוינעס דערגריי־כונגען, זײַן אַרט לעבן און פירונג, די אײַנאָרדנונג פון זײַן נחלה און זײַן משפחה־לעבן, — דאָס אַלץ ווערט אַ מוסטער פאַר די אַרומיקע ייִדן. זיי הויבן אָן גלויבן אין דער ערד און זיי הויבן איר אָן באַאַרבעטן געדולדיק. מוינע ווערט דער אידעאַלער פּיאָנער פון דער ליבשאַפט צו דער ערד „וואָס איז דורות־לאַנג געלעגן אַ פאַרשטויסענע, אַ ניט־גע־אַנטע".

די ישראל־קריטיק האָט באַוווּנדערט די אינטימע צונויפ־געבונדנקייט פונעם נאָרוואָס־אַריבערגעקומענעם מענדל מאַן

— מיט דער ישראלדיקער נאַטור-סביבה. יצחק פּאַנער האָט געשריבן וועגן דעם: „מענדל מאַן קען דעם ארץ-ישראל-דיקן פּייזאַזש ווי ער זאָל זײַן אַ סאַברע. ער קען די אַנאַטאָ-מיע און פיזיאָלאָגיע פון יעדער פלאַנץ, קען דעם כאַראַק-טער און די נאַטור, די קאַפּריזן און געוווינהייטן פון יעדן בלימל און גרעזל, יעדן צווײַגל און בלעטל. ער ווײַזט זיי אונדז אין אַלע זייערע אומוואַנדלונגען. מיר זעען זיי אין זייער דראַמאַטישן געראַנגל קעגן טריקענישן, מדבר-זאַמדן, מיקראָבן און אויך אין קאַמף קעגן פרעמדע פײַנטלעכע פלאַנצן-מינים וואָס באַדראָען זייער לעבן". מענדל מאַן קען יעדן געוויקס, יעדן פויגל, יעדן ווערמל און בעל חי. ער האָט געשאַפן אַן אייגענע יידישע טערמינאָלאָגיע פאַר זיי. ער איז היימיש מיטן קאַקטוס, ציפּרעס, און ריצנבוים, מיט די קוסט-פייגל און מוראַשקעס, מיט דער וווּנדערלעך שיינער טייטל-פּאַלמע. ער אָבסערווירט די צווײַגנבלעטער און די בלאַט-אָדערן פון יעדן בוים. ער באַוווּנדערט דעם שיינעם טאָפּאָל וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער אַזוי אומפאַרשטענדלעך. ער איז געדולדיק צום מדבר-ווינט און זײַנע זאַמד-שטויבן וואָס קעמפן קעגן דעם מענטשנס עקשנות און פאַרשיטן די ערשטע אַרויסשפּראָצונגען. ער ראַנגלט זיך מיט „סאַברע-קוס-טעס און פלעכט-גראָזן, טײַוולס-האָר און קלעטער-פּאָדעס". עס איז אַ גרויסע מײַסטערשאַפט צו געבן דאָס בילד פון אָט דער אויסטערלישער געוויקסן-וועלט, צו שילדערן דעם מענטשנס ענערגיע אויף צו באַהערשן אָט דעם רויט-ערדיקן טאָל און צו באַזיגן די אַלערליי שטעכבלעטער און מיסט-גראָזן, „די ברײַעכץ מיט טונקל-געצייכנדלטע בלעטלעך, דעם קריך-ווייץ מיט די הונדערטער קליינע זאַנגען, דאָס שלאַנגן-גראָז וואָס וויקלט זיך איבער דער ערד-פּלאַך און דערשטיקט יעדעם גרעזל וואָס עס טרעפט אָן אין וועג". עס שטייט פאַר

אונדז אַ גרויסער קינסטלער, מיט ווּנדערלעכער ליבשאַפט צו גאַנץ וועלט.

אָבער ניט נאָר פאַר דער נאַטור און געוויקסן האָט מענדל מאַן אַ וואַך אויג. אין בוך איז אַרויסגעבראַכט אַ גרויסע גאַלעריע פון יידישע טיפּן — מענער און פרויען. דורך די אויגן פון מוינען זעט מענדל מאַן די אַלע מענטשן אַרום, מיט זייערע כאַראַקטערן. ער דרינגט אַרײַן אין זייערע לײַדן און פריידן, אין זייערע פאָראורטיילן און אמתע נשמה־טראַגעדיעס. ער העלפט זיי, ער קען זײַן חבריש געטרײַ. ער פרייט זיך מיט די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין די יידן צוביסלעך, ער איז גליקלעך צו זען ווי זיי באַפרײַען זיך פון די מוראס און אומגליקן פון דער מלחמה־צײַט. ער פילט מיט זייער אַליינקייט, זייער יתומהשאַפט, זייערע אומבאַשטימטע בענקשאַפטן. ער לעבט טיף איבער צוזאַמען מיט זיי די גורלדיקע טראַגיק פון יידישן פאָלק און די טראַגעדיע פון אָט די לעבן־געבליבענע און אויסגעמאַטערטע מענטשן וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין ראָד פון מענטשלעכן גורל.

עס שוועבט איבער אַלץ דער גוטמוטיקער, געזונטער אָפּטימיסטישער טאָן פון מענדל מאַנס שרײַבן. צענדליקער זײַטלעך אין בוך לייענען זיך ווי אַ ליד אין פּראָזע. אָפטמאָל ווערט אַרײַנגעפלאָכטן אַ פאַנטאַסטישע מעשה און אַ שטימונגספולער געזאַנג. ערטערווײַז דערמאָנט דער סטיל און דער טאָן — שלום אַש. ווען מענדל מאַן באַשרײַבט די יונגע מאַמע חמרה מיט איר קליינטשיקן עלי, האָבן מיר פאַר זיך אַ שטילן באַגײַסטערטן געזאַנג פאַר דער „יונגער צעבליטער מאַמעשקייט", פאַר איר גליקזאַמקייט, רויקייט און גוטסקייט, פאַר איר פאַרבאָרגענער שיינקייט וואָס האָט זיך אַזוי צעבליט פאַר מוינעס אויגן. „און וואָס מער זי האָט געוואָלט פאַרבאָרגן פאַר אים איר אויפגעוואַכטע יונג־פרוי־

אישקייט, אַלץ מערער און מערער האָט עס מוינע אָפּגע־
פּילט. עס האָט אויסגעזען ווי זי אַליין וואָלט זיך געשעמט
מיט די וויגנדיקע רונדיקע בריסט, מיט די שיינע מיידלשע
אַקסלען און שלאַנקער טאַליע, מיטן פּײַכטן אויגן־שימער.
זי האָט פאַרשעמט זיך געררויטלט בשעת מוינע איז געשטאַנען
פאַר איר, צונויפגעצויגן די טונקעלע ברעמען און מיטן פּנים
צוגעפּאַלן צום שלאָפנדיקן עלי". דאָס איז אַ מוסטער פון דעם
אייגנאַרטיקן, דיכטעריש־אידילישן סטיל פון מענדל מאַן.
„דאָס געזאַנג פון אויפגעוואַכטער ערד" און אויפגעוואַכטן
יונג לעבן — האָט אַזוי באַגײַסטערט און אַרויסגערופן די
מײַסטערשאַפט פונעם קינסטלער.
„ניט יעדן איינעם איז באַשערט אויפצונעמען דאָס דאָזי־
קע געזאַנג"...

רויזן צווישן דערנער

גלײַכצײַטיק מיט דעם וואָס מענדל מאַן האָט געשאַפֿן זײַנע גרעסערע ביכער, האָט ער אויך געשריבן קורצע נאָ־וועלן. אַכצן אַזעלכע נאָוועלן האָט ער צונויפֿגענומען אין איין באַנד וואָס טראָגט דעם נאָמען: „ד אָ ס ה ו י ז צ ו ו י ש ן ד ע ר נ ע ר — געזאַמלטע ישראל־נאָוועלן". נאָך אַלע זײַנע מלחמה־וואַנדערונגען, באַזעצט זיך מענדל מאַן אין מדינת ישראל, און פֿון דאָרטיקן לעבן איז די גאַנצע טעמאַטיק פֿון די נאָוועלן.

דאָס מערקווערדיקע אין דעם בוך, דאָס וואָס צייכנט אים אויס און גיט אים צו זײַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, איז ניט די טעמאַטיק. דער סיפּור המעשה איז דאָ אַ טפֿל. דער עיקר איז דאָ די שטימונג, די אַטמאָספֿערע מיט וועלכער די נאָ־וועלן זײַנען אַרומגענומען. די טעמאַטיק איז כמעט אַן ענ־לעכע: מיר האָבן צו טאָן כמעט אויסשליסלעך מיט ערשט־וואָס אַריבערגעקומענע, בעיקר מיט עולים פֿון פּוילן, אָבער אויך אַביסל תימנער, אַפֿריקאַנישע און אַנדערע יידן. קיין אַלט־געזעסענע וותיקים האָבן מיר דאָ ניט; ניטאָ דאָ קיין מענטשן פֿון דער ישראל־רעגירונג, פּאַרטייען, קיבוצים אוןווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען. נאָר אין איין דערציילונג („אין אַ שטיינהאַקערײַ") גייען אַדורך אַ פּאָר באַאַמטע און

בוי־אונטערנעמערס. אונטער פֿאַרשיידענע נעמען פֿיגורירט דאָ איינער און דער זעלבער הויפּטהעלד — אַ אינטעליגענט וואָס איז נישט לאַנג צוריק געקומען אין לאַנד, און ער מאַכט דורך אַלע שווערע נסיונות פֿונעם נײַעם לעבן אין דער נײַער מלוכה. דער דאָזיקער יונגער עולה וואָס האָט אַ גרויסע נטיה און טאַלאַנט צו מאָלערײַ און סקולפּטור, איז בעיקר פֿאַרנומען מיט זיך און מיט זײַנע אייגענע שטימונגען. ער ווערט פֿאַרטרונקען אין אַ ים פֿון נײַע אָבסערוואַציעס, באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפֿטן. ער זוכט פֿאַר זיך אַ פּלאַץ און אַ צענטער פֿאַר זײַן נײַ לעבן. ער האָט נאָך אַלץ ניט אָפּגעטרייסלט פֿון זיך די טראַגיק און דעם קאָשמאַר פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון די מלחמה־איבערלעבענישן און די נאַצי־רציחות לגבי יידן.

נײַ אין דער טעמאַטיק פֿון בוך — איז די לאַנדשאַפֿט, די נאַטור. זי איז אַזוי אַנדערש פֿון דעם ביזאַהעריקן אַרום פֿון פּוילן און רוסלאַנד. דאָס איז דער זעלבער לאַנדשאַפֿט ווי אין דעם „פֿאַרוואָרלאָזטן דאָרף". מענדל מאָן פֿילט דעם מדבר, „דעם ריח פֿון טרוקענע זאַמדגעוויקסן, דעם געזאַנג פֿון רויטן זאַמדשטויב". ער הערט דעם געזאַנג פֿון „מדבר־דאָרן וואָס קיניגט אין דער וויסטעניש און דאָס פֿײַער קען אים נישט פֿאַרברענען". ניט נאָר מיטן אויג, נאָר מיט אַלע זײַנע חושים באַנעמט ער די אויסטערלישע סביבה מיט אַלע פֿיבערן פֿון זײַן האַרץ. ער זעט די בערג און טאָלן, די באַרג־שפּאַלטן און די פֿעלדזן, די וואַסער־אָדערלעך — ניט נאָר אין זייער הײַנט, נאָר אין זייער היסטאָרישן נעכטן. ער פֿילט דעם קילן זילבער־הויך פֿונעם איילבירט־וועלדל, ער פֿילט דאָס אייביקע קיל־ווינטל פֿון די הויכע סיקאָמאָרן וואָס „זייערע שפּיצן רירן אָן די שטערן". ער פֿילט דעם כישוף פֿון די ציפּרעסן וואָס

זײַנען „סודותדיק ווי די נאַכט־שומרים". ער הערט דאָס געוויין פון די פאַרלאָזטע זיתים־ביימער. „זיי וויינען, די זיתים־ביימער, דורך די בלעטער מיט דער געל־ברוינלעכער זילבערדיק פאַרלאָשענער גרינקייט". און ער קען זיך ניט אָפּחידושן ווי פיל אָריגינעלע שיינקייטן עס אַנטפּלעקט פאַר אים די פאַרבן־רײַכע פלאַנצן־וועלט. „ווי שיין עס זײַנען די פעבער־פּאַלמעס — רופט אויס מענדל מאַן. די צעשפּרייטע בלעטער מיט די העלפאַנדביין־אָדערן האַלטן אויף די בלויע הימלען, די מימאָזע פּינטלט מיט ליכטיק־געלע פּוך־בלימלעך. די סאַברע־קוסטעס האָבן אַזוי פיל אויס־דרוק, אַזוי פיל באַוועגונג אין די זאַפטיק־גרינע בלעטער מיט די זילבער־שטעכערס... אָ די בערג, קוקסט אויף זיי אין פּשוטן טאָגליכט, ליגן זיי פאַר דיר אָפּגעבליאַקעוועטע און פאַרשרפּהטע, ווי אויסגעברענטע דערנער פון וועלכע די שוואַרצקייט איז אַרויס, ווי אַש צעוואַשן פון רעגנס — און דאָ, אין דעם פאַרנאַכט, אַזוי פיל פאַרב, אַזוי פיל שיינ־קייט, ווי די הרי יהודה וואָלטן באַצירט געוועזן מיט געשלי־פענע איידלשטיינער". אָט אַזוי לעבט אַדורך דער קינסט־לער יעדן שאָרך, יעדן ריר פון אַ בלעטל, יעדע קאָליר־שפּיל פון די בערג און זייערע שאָטנס, פון דער „בלוי־נעפּלדיקער כנרת" וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים „אײַנגעפּאַסט צווישן מילדע בערג" און רופט בײַ אים אַרויס די ווערטער פון רעליגיעזן עקסטאַז: „אָ גאָט, ווי אָפן איז עס הײַנט דײַן פּנים! ווי אָפן איז עס דײַן וועלט! אַזאַ ליכט, אַזאַ גע־בענטשטע קלאָרע רחבות".

מענדל מאַן איז ליריקער און התפּעלותדיקער באַאָב־אַכטער. זײַנע טיפע רירנדיקע געפילן גיסן זיך צונויף מיט גאָטס וווּנדערלעכן באַשאַף. דאָס האַרץ פונעם שטיין, פו־נעם מדבר־דאָרן און פונעם פעלדז רעדן צו אים. ער פילט דאָס געוויין פונעם ווינט. ער הערט „דאָס געוואָרקערײַ פון

טירקל־טויבן, די ציִשעריַי פון אַ שלאַנג, אַ וויַיט וויַיט שאַ־קאַלן־געיאָמער און אַ געשאָרכעריַי פון טרוקן־גראָז". די אַרומיקע שטימונג, דער ציטער און די שרעקנדיקע שאָטנס רופן בײַם קינסטלער אַרויס אַ קוואַל פון אייגנאַרטיקע טע־נער און ריטמען.

די „העלדן" וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אויף די בלע־טער פון מענדל מאַנס בוך בלאָנקען זיך אַרום, געפאַנגענע פון די שאָטנס פון זייער טראַגישן נעכטן. יעדערער פון זיי גייט אַרום אָדער מיט פיזישע פעלערן — רעשטלעך פון דער מלחמה און באָמבאַרדירונגען, גאַנצע אָדער האַלבע אינ־וואַלידן — אָדער מיט גײַסטיקע צעשטערונגען און צעשרויפ־טע נערוון, — פרויען מיט שגעונדיקע רייד, מענער דער־שיטערטע און צעבראָכענע. עס זײַנען די ערשטע יאָרן פון אײַנגעשטעלטן לעבן אין דער נײַער מדינה. אַ סך פון זיי זײַנען ממש ערשט נעכטן אַרײַנגעקומען אין לאַנד און האָבן זיך באַזעצט אין דער אונטער־דער־האַנט־געקומענער אַראַ־בישער הײַזקע. אַלעמען פּײַניקן די זכרונות און קאָשמאַרן פון פינצטערע מלחמה־נעכט פון חרוב־געוואָרענע שטעט, פון פאַרלוירענע משפחות. עס פּײַניקט די פאַרבאָרגענע שרעק פון די יאָרן אויף דער אַרישער זײַט, פון די יאָרן אין די נאַצישע לאַגערן הינטער די שטעכל־דראָטן. עס פאַר־פאָלגן די געיאָמערס פון מאַמעס און קינדער. טרויער און שרעק. „צוקאָפּנס וואַכט דער אומרו און די פּײַן, דער פּחד האַלט אין זײַנע אײַז־קאַלטע קנאָכיקע הענט".

דערשיטערנדיק איז די ביאָגראַפיע פון גאַבוש און טאַמאַרען. ער איז געווען אויף דער אַרישער זײַט, געאַרבעט אין אַ קליינעם גאַראַזש. עס איז נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד קעגן די דײַטשן. די פּוילישע אַרבעטער פאַר־דאַכטן אים — ווער וויים אין וואָס. זיי פירן אים אַוועק

אין אַ קעלער־שטוב, נעמען אים אויספרעגן. גאַבוש מאַכט אַ פאַרצווייפלטן שריט כדי זיך צו ראַטעווען. ער מעלדעט זיי: „פאַר אײַך שטייט דער פאָטער אַדאַם סקאַרגאַ. — ער האָט דערבײַ צעעפנט זײַן טונקלן רעקל און אַנטפּלעקט די נאַקעטע ברוסט. די מענטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און שטיל געשעפּטשעט". אַזוי ווערט גאַבוש פאַרוואַנדלט אין אַ קאַטוילישן גלח. אַ נײַ לעבן. ער טרייסט גלוביקע קריסטן און ער ריכט אָפּ פאַר זיי גאָטעס־דינסטן. ער גייט אַרום אַ שווײַגעדיקער, אין אַ לאַנגער שוואַרצער סוטאַנע. די וואָגלענדיקע טאַמאַרע האָט אין אים דער־פילט אַ נאָענטקייט און זי פאַרטרויט זיך פאַר אים: „איך זוך טרייסט, פאָטער... איך בין הײמלאָז"...

איצט זײַנען גאַבוש און טאַמאַרע צוזאַמען אין נײַעם לאַנד. זיי דאַרפן אָנהויבן אַ נײַ לעבן. אָבער אויך טאַמאַרע איז באַהערשט פון שרעקלעכע זכרונות פון וואַרשע. זי האָט דאָרטן פאַרלוירן איר חבר און פרײַנד. זי קאָן ניט פאַרגעסן דאָס בילד, ווי אַזוי מע פירט אים צום טויט — „זײַן אויפ־געהויבענער קאָפּ... די פאַסן שוואַרצע האָר, די צעשויבער־טע, וואָס פאַלן אויפן שטערן... דאָס מויל פאַרזיגלט... די הענט פאַרבונדן מיט שטריק". די דאָזיקע קראַנקהאַפטע זעונג פאַרפאָלגט איר אין די נעכט, און זי רעדט צו אים... „פאַרוואָס ענטפערסטו ניט? איך באַגרים דיך, וויל ריידן צו דיר, און דו שווײַגסט... קענסט ניט ריידן ווײַל דײַן מויל איז פאַרזיגלט שוין אַזוי פיל יאָרן און דײַנע הענט זײַנען געבונדן"...

אַ גרויסע טרייסט אין אָט דעם נײַעם שווערן, מיט צער און שאָטנס אָנגעלאָדענעם לעבן — קען זײַן, דאַרף זײַן דאָס צוזאַמענלעבן מיט אַ פרוי. כמעט אין יעדער פון די אַכצן דערציילונגען פיגורירט אַ פרוי — דאָס פרווישע, דאָס ווײַבלעכע. אָבער אויף דעם נײַעם באָדן, אין די סיטו־

אציעם צווישן צוויי קראַנקע, קרענקלעכע, אויסגעמאַטערטע מענטשן — זײַנען אויך אומפאַרמײַדלעך אויסברוכן פון אומצוטרוי. אייפערזוכט, אומפאַרשטענדעניש פאַרן צווייטן, אומדערקלערעוודיקע בענקשאַפט. און גייט די פרוי אַוועק פון מאַן, הערט ער ניט אויף צו בענקען נאָך איר און צו חלומען אַז זי וועט נאָך קומען צוריק. דאָס נײַע און אייגנאַרטיקע וואָס מענדל מאַן ברענגט אַרײַן אין דעם מין נאָוועלן, איז ניט די ליבע-אַוואַנטורעס אָדער סעקס-פּסיכאָלאָגיע, נאָר זײַן לירישער טאָן וועגן דער בענקשאַפט צווישן מאַן און פרוי.

אָט איז דער העלד פון דער נאָוועלע „די צעבראָכענע קרוג". ער איז פאַרלוירן — צווישן דער אַוועקגעגאַנגענער פעליציע און דער נאָך ניט געקומענער פאַטימאַ. וועגן דער ערשטער טראַכט ער: „דײַנע אויגן זײַנען גרויס אין גרין. דאָס איז די גרינקייט פון פאַרפראָרענע זומפּן, אַ געמיש פון אײַז און זומפּ-שלײַם. אַז איך וועל דורכברעכן דעם אײַזפּאַנצער, וועל איך פאַרזונקען אין אַ תהום". וועגן דער צווייטער רעדט ער: „איך קוק אויף די קליינע שטיבער, און לויט די וואָלקנס איבער זיי — פיל איך ווו עס וווינט פאַטימאַ. דאָרט ווו עס האָט זיך פאַרהאַלטן דאָס ליכטיקזילבערן וואָלקנדל, דאָס פּוכיק-העלע, — דאָרט, אין דעם הויז רוט איצט מײַן בארג-מיידל וואָס איך קען איר אפילו נישט"... חלום און וואָר. אַלץ אַרומגענומען מיט אַ געדיכטן שלייער פון שיר השירימדיקייט. אין יעדער נאָוועלע — אַזוי פיל לופט און ליכטיקייט, נשמהדיקייט און יומטובדיקייט.

„ס אַ נ ט אַ איז לאַקנדיק און גלײַכצײַטיק אָפּשטויסנדיק, עם ווייעט פון איר אַ יענע-וועלטיקע קעלטקייט, נאָר פון דעם ברייטן מויל מיט די פולע ליפּן שלאָגט אַ וואַרעמקייט...

אין איר פנים איז בולט דאָס געמיש פון לעבן און טויט... קענסט קיינמאָל ניט אַרײַנקוקן אין דעם פּנים. האָסט תמיד דאָס געפיל אַז אַ שלייער טיילט דיך אָפּ, אַזוי ווי אַ נעפּל וואָלט זי פאַרהילט".

„פּאַטימאַ, די טונקלהאָריקע, די שאַרפאויגיקע, די אומבאַקאַנטע! אַז איך דערנענטער זיך צו דיר, פלאַקערן דײַנע אויגן-וויִסלען אַמאָל מיט פראָסט און אַמאָל מיט ווײַסן פײַער. טיילמאָל זײַנען דײַנע הענט מילד, נאָכגעביק ווי די דאָרשטיקע בלעטער, און טיילמאָל האַרט ווי דערנער".

דאָס מיידל מרגלית האָט „אַן אָליוו הויט און די שמאָלע הענט זײַנען ווי אויסגעשניצט פון העלפן-ביין. אַז ער ליגט אויף זײַן געלעגער זעט ער מרגליתס פּנים און אַ האַנט וואַרפט אַראָפּ פון איר די טונקעלע שלייערן און עס וויקלט זיך אויס גאָטס וווּנדער. זי איז שיין. ערשט איצט זעט ער דעם הירשנהאַלדז, די אַקסל און פון די אָרעמס ווערן שמאָלע פלעמלעך וואָס הויבן זיך צו די הייכן". אויך אַנדערע פרויען ציִען אים צו זיך. „אַ מידקייט, אַן אויסמיש פון מחשבות, פון בילדער, פון תאווה וואָס האָט ניט קיין גרענעצן, פאַרפלייצט אים און ער טרינקט זיך אין ריינע און אומריינע וואַסערן".

עס איז אַ גאַלעריע פון אָריגינעלע פרויען-טיפּן, פאַר-כישופטע און פאַרכישופנדיקע.

מיט אַ סך הומאַנישקייט און ווייכקייט ברענגט מענדל מאַן אַרויס אין עטלעכע דערציילונגען די אַראַבער — די אַנטלאָפענע און די פאַרבליבענע. נאָך זײַנען דאָ אַרום סי-מנים פון דער יידיש-אַראַבישער מלחמה, מע ווײַזט די פלע-צער ווּ יידישע קעמפער זײַנען געפאַלן. עס פאַסירט נאָך אַז אַראַבער שיסן פון הינטער צוימען, פון די קוסטעס. עס טראָגן זיך אין דער לופטן אַראַבישע לעגענדעס. יידן באַ-

זעצן זיך אין אַראַבישע דערפלעך, אין אַראַבישע הײַזלעך — די שאָטנס פון די פריִערדיקע תושבים מאַכן אומרויִק. טרויער, צער און פּחד שפּרייט זיך איבער דעם פּאַרלאָזע־נעם אַראַבישן דאָרף און זײַן מעטשעט. יידישע אומטאָ־לעראַנץ און אפילו שינאה אַנטפּלעקט זיך אָפּט: „זיי זיצן אונדז אויפן קאַרק... איצט קומען זיי אין די נעכט... יעדעם וועגל קענען זיי..." — „וואָס איז דער חידוש? זיי האָבן דאָך דאָ געלעבט. — הע־הע... דאָ געלעבט... און אַז מיר האָבן דאָרט געלעבט"? אַמאָל הערט מען אויך ווערטער פון מיטגעפיל און מענטשלעכער באַציִונג. ווען די אַלטע אַראַ־בערין איז געקומען אַ קוק טאָן אויף איר געוועזן הויז וואָס איז באַזעצט פון יידן, רעדט צו איר סאַנטאַ: „קיינער האָט אײַך ניט פאַרטריבן... קיינער ניט... איר זײַט אַליין אַוועק. מיר האָבן דאָ געטראָפן אַ וויסטעניש... מיר וועלן נײַע הײַזער בויען... עס איז דאָ גענוג אָרט אונטער אונ־דזערע ליכטיקע הימלען פאַר יעדן גוטן מענטשן".

צום טרויער און אומרו „העלפן צו" די פאַרבליבענע שטוב־חיות, וואָס די אַראַבער האָבן איבערגעלאָזט. דרייען זיך אַרום די דאָזיקע לעבעדיקע באַשעפענישן הײמלאָזע, הונגעריקע, פאַרלוירענע. מ'הערט אָפט אַן אומעטיקן האַרץ־רײַסנדיקן געיאָמער פון אַן אייזעלע, עס ברעכט אויס אום־געריכט אַ געוויין פון אַ קעמל.

„די אייזלען זײַנען אין די הייסע נאָכמיטאָגן געשטאַנען אומבאַוועגלעכע בײַ די שאָטנס פון אַלטע ווענט, זייערע פעלן האָבן אויפגעציטערט בײַ מענטשישע טריט, אַ דרעשטש איז אַדורך זייער הויט ווען זיי האָבן דערהערט אַ מענטשיש קול. זיי האָבן אויסגעצויגן די העלדזער און געוואַרט טעג, אַז אַ מענטשישע האַנט זאָל אָנטאָן אויף זיי דעם כאָמעט. אין די נעכט האָבן זיי געזוכט זייערע שטאַלן, געקלאַפּט מיט פּעדערשטע פּיס אין ליימענע ווענט, געהעשעט".

זייער רירנד און מיט גרויס מײַסטערשאַפֿט איז באַשריבן די קאַץ פֿון די אַמאָליקע אַראַבישע תּושבֿים. די הפֿקרדיקע פֿאַרווילדעוועטע קאַץ קען זיך ניט צוגעווינען צו די נײַע אײַנוווינער, „נישט זי קאָן אַוועק פֿון הויף און נישט זי קאָן זיך צו אים דערנענטערן און ווערן ווידער פֿאַרהיימישט... זי טרויט זיך אַלץ נישט אַרײַנצוגיין אין הויף“... ערשט אין אַ געוויסן טאָג ווען עס קומט די אַלטע אַראַבישע באַלעבאָסטע אויף אַ באַזוך אין איר אַמאָליק הויז, געשעט די גרויסע ענדערונג. „די פֿאַרווילדעוועטע קאַץ איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן פּלויט און אַ גלי געטאָן מיט די אויגן. זי האָט אָנגעשפּאַנט דעם קעצישן גוף ווי צום שפּרונג און אַ ווײַלע געבליבן אַזאַ געשפּאַנטע. דערנאָך האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון פּלויט און מיט פּאַמעלעכע טריט גענומען גיין צו דער שטוב. און אַז זי איז צוגעקומען צו דער טעראַסע, איז די ווילדקייט פֿון אירע אויגן אָפּגעטראָטן. זי האָט זיי לײַכט געמרוזשעט און עס איז געשען דאָס וואָס סאַנטאַ האָט נישט דערוואַרט — די קאַץ איז צוגעקומען ביז צו דער שוועל און אַרויפֿגעזעצט זיך אויף דער שויס פֿון דער אַלטער פֿרעמדער פֿרוי. סאַנטאַ האָט דערזען אין דער זקנהס אויגן טרערן...“ און ווען די אַלטע אַראַבערין און איר באַגלייטער האָבן פֿאַרלאָזן דאָס הויז, האָט די קאַץ זיי באַגלייט ביזן סוף פֿון געסל. „דערנאָך איז זי צוריק געקומען צום הויף און דרייסט אַרײַן אין צימער... די קאַץ איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף סאַנטאַס שויס און געלאָזט זיך גלעטן די וואַרעמע סאַמעטענע פֿעל“.

מענדל מאַן האָט אַ וואַך אויער ניט נאָר פֿאַר די לײַדן פֿון מענטשן נאָר בעלי־חי, ער הערט אַפֿילו דאָס געזאַנג פֿון טאָל, דעם ניגון פֿון די בערג און שטיינער.

מענדל מאַן זאַמלט ווי אַ בין די באַזונדערע דערשײַנונ-

גען, באַאָבאַכטונגען, פּאַסירונגען. ער זאַמלט פּאָרטרעטן פון יידישע מענער און פרויען, ער רינגלט אַרום אַלץ מיט שיינע גרויסאַרטיקע ראַמען.

אין די קורצע נאָוועלן נוצט ער שטאַרק אוים די טעכניק פון אומדערוואַרטע סיטואַציעס, אומגעריכטע פינאַלן. עס איז די אומגעריכטקייט פון לעבן, פונעם אומבאַקאַנטן „עפּעס" וואָס געשעט ווען מען דערוואַרט אים נים, פונעם „עפּעס" וואָס איבעראַשט אונדז. אין שטילן טאָן, מיט טיפער מענטשלעכער סימפּאַטיע — באַווייזט מענדל מאַן די אומבאַהאָלפנקייט פון מענטשן לגבי דעם פּאַטאַלן וואָס דאַרף געשען, וואָס וועט געשען.

מענדל מאַנס שפּראַך איז ריין. פלינצק און מידבר, יידיש און העברעיש, שטאַרק פּאַרטראָטענער סלאַווישער עלעמענט — דאָס אַלץ שאַפט אַן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט. לירישער סטיל און שאַרפע בילדערישקייט, באַפּאַרבונג מיט אויפריכטיקן פּאַטאָס; אַסאָציאַציעס פון די קינדער־יאָרן ביי די ברעגן פון פּוילישן טייך, גאַרונג צו דער ערד — פּנים אל פּנים מיט דער נייער מדברדיקער נאַטור, — דאָס איז דער אינהאַלט און כאַראַקטער פון די קורצע נאָוועלן, אין וועלכע מענדל מאַן האָט אַנטפּלעקט נייע שעפערישע כוחות.

אינהאַלט

פאָרוואָרט — — — — — — — 5

די מלחמה־עפּאָפּייע — — — — — 13

דער אָפּשלוס פון דער מלחמה־טרילאָגיע — 27

נאַכט איבער גלושינאָ — — — — — 47

על נהרות פוילן — — — — — — 55

דאָס געזאַנג פון אויפגעוואַכטער ערד — — 69

רויזן צווישן דערנער — — — — — 83